STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11599

# DRAY LEGENDARE GESHTALTN IN DER YIDISHER LITERATUR

Israel Ch. Biletzky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ח. בילעצקי

# דרייַ לעגענדאַרע געשטאַלטן
# אין דער ייִדישער ליטעראַטור

מיט דער הילף פון :
קרן תל־אביב לספרות ואמנות ע״ש יהושע רבינוביץ ;
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג ביים פאַרלאַג „ישראל־בוך״, ת״א.

י. ח. בילעצקי

# דריי לעגענדאַרע געשטאַלטן
# אין דער יידישער ליטעראַטור

משיח

אליהו הנביא

בעל־שם־טוב

עסייען

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג
תשמ"ט — 1988

# שלש דמויות אגדתיות בספרות יידיש

# THREE LEGENDARY FIGURES IN YIDDISH LITERATURE

©

by I. H. Biletzky
Birenbaum 8 א'
Tel-Aviv

פארלאג „ישראל-בוך״ — הילפספאנד פאר יידיש שאפונג
תל-אביב, רח' איתמר בן אבי 4

Publishing House ISRAEL-BOOK, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

Printed in Israel, 1988 ,נדפס בישראל תשמ״ט

# דריי לעגענדאַרע געשטאַלטן

וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט אונדזער ייִדישע וועלט אָן די דריי?

וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט אונדזער וואָר און חלום אָן די דריי?

די דריי לעגענדאַרע געשטאַלטן ציטערן אויף די סטרונעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

זי האָט זיי אַרויסגעשטראַלט. זי לעבט מיט זיי. זי סודותט זיך מיט זיי. צי דאָס גראָז גרינט, אָדער דער הימל איז פאַרוואָלקנט.

אונדזער לעבן שטראָמט צו משיחן. צו אליהו דעם מבשר פון גאולה און צו דעם ניגון פון בעל־שם־טוב.

די דריי געשטאַלטן האָבן זיך פאַרזאָרגט אין זייער לעבן מיט אַ גרויסן מיטלויפער: **דער ייִד.**

דער ייִד האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך זייער חן. זייער חיות. זייער מהות.

דער ייִד באַגעגנט זיי אויף אַלע ערדישע און הימלישע וועגן.

ער טוליעט זיך צו זיי.

די דריי לעגענדאַרע געשטאַלטן זענען זיין שלווה און זיין שטורעם. אין פּנימיותדיקן ייִדישן געוועב לעבן זיי לעולמי עד.

אין אונדזער טיפן עלטער, נאָכן חורבן, זעען מיר זייער שיינקייט, זייער נשמה'דיקע ציכטיקייט.

דריי לעגענדאַרע געשטאַלטן וואָס טרינקען אָן אונדזערע וואָרצלען. יעדער געשטאַלט טראָגט צו זיין חלק.

ווי ביי ח. נ. ביאַליק — ווייסט ניט די סאַזשעלקע וואָס אין איר ליגט טיף פאַרבאָרגן; צי איז זי בלויז די אָפּשפּיגלונג פון וואַלד און זיינע וואָרצלען זענען טיף אין איר, אָדער דער וואַלד, אין גאַנצן וואַקסט אין איר.

בלעטערנדיק ייִדישע שירה האָב איך דערזען: דריי לעגענדאַרע געשטאַלטן וואָס זענען טיף פאַרבאָרגן אין מיינע טיפסטע טיפן.

# משיח

יידן זינגען אין די בונקערס: אני מאמין / בביאת המשיח
אף על פי / אף על פי שיתמהמה אני מאמין — / ער וועט
קומען סיי פון דארטן, סיי פון הי. (ה. לייוויק)

אַן משיח'ן פאַרמאָגט די וועלט אַ פגם.
משיח איז דערלייזונג. דערלייזונג פון ייִד און וועלט.
אין צוויי שטראָמען פליסט די וועלט: קדושה און טומאה. גאָט און שטן.

אין דער ליטעראַטור, נישט נאָר אין דער ייִדישער, האָט משיח אַ סך פּנימער: נביא, קעמפער, הערשער, הייליקער, גואל, מבשר, טרייסטער, ריינער, שולדיקער. אַ דורות־פיגור: נעמט אַריין אַלע ניצוצות און אַלע נסיונות. אַ פיל פּנימדיקער. זייַן ווין־אַרט: צווישן אָרעמע לייט. בעטלער. אונטערדריקטע. מחנותווייַז גייען נאָך אים ייִדן פון אַלע עקן וועלט. דור איין, דור אויס. גרויס און קליין. טרעפט ער אַ גייענדיקן ייִד אויף די וועגן, גייט ער מיט אים מיט: אַ קאַפּיטל תהילים און משיח. ער גלייבט דער גייענדיקער ייִד: היינט אָדער מאָרגן — ס'וועט געשען. אַפילו אַזאַ ראַציאָנאַליסט ווי דער רמב"ם: „אחכה לו בכל יום שיבוא".

ייִדישע שטעט און שטעטלעך ברענען. ייִדיש לעבן אויף דער עקדה. פאַרברענטע ייִדן און זייער נשמה ווי רויך דורכן קוימען — און די משיח־אידייע ווערט ניט פאַרברענט. אין דער אָדער יענער תקופה זיצן ייִדן אויף די בעבעכעס און קוקן אַרויס דורך שפּאַרונעס: אפשר קומט ער אָן: אַ גרויסער, ליכטיקער טאָג קומט אָן. ווי דער נביא זאָגט: „און עס וועט זייַן אין סוף פון די טעג: אַ נייַע ערד און נייַע הימלען וועלן זיך באַווייַזן". אַן אָרעמאַן אויף אַן אייזעלע. אַן אָרעמאַן. ניט פאַרקנעפּלט מיט אַ מונדיר. אָן אַ כתר מלכות, פּאַמעלעך, אָן יאָגעניש: מיט אַן אייזעלע. אַן שטופּעניש.

אַן דרענגעניש. די צײַט האָט אויף אים ניט קיין שליטה. ער לויפט ניט, ער יאָגט זיך ניט. ער איז נישט קיין מפונק. ער בעט ניט בײַטן די בגדים נאָכן לאַנגן מהלך. מיט דעם שטויב אויף די בעטלערישע בגדים. מיט אים מחנות ייִדן. נשרפים. נטבחים. צעפּייניקטע. איינער טוליעט זיך צום צווייטן. מ׳גייט נאָך דעם גרויסן נס: משיח.

נישט קיין גרויסער אָראַטאָר. קיין ביגע פּאָר אים נישט צוגעגרייט. ער רעדט זיך דורך ביחידותדיק מיט זיך אַליין. ער פּאַרקוקט אין די אויגן פון זײַנע צעפּייניקטע ברידער. ס׳איז נישט קיין פּובליקום, סאיז אַן עדה.

פּנים אל פּנים שטייען דאָ דורות. דורות רעדן זיך איבער. אפשר דער־ציילן זיי דעם אייזעלע זייער לעבן. איינער דערציילט פון משוגענע קיסרים. פּרינצן, דער צווייטער פון אַפּיפיורן, סתם פּאַרברעכער, פון טאָרקוועמאַדאָס, היטלערס. אַלע פּאַרקנופּט אין אַ שמועס פון דורות. יעדער ייִד אַן עדות פון אַלע דורות. מען שטוקעוועט צונויף געשעענישן. מזבחות. עקדות. לעם אייזעלע שעפּטשעט אַ ייִד: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.״

לעם אייזעלע: אַלע קבלה־לײַט וועלכע האָבן געמאַכט צירופים און געזוכט דעם צירוף פון שם המפורש. אַלע „זוהר״־מענטשן. אויך דער בעל שם טוב. דער בערדיטשעווער. צפת שטייט אין סאַמע צענטער און טײַטלט מיט די פינגער: דאָס וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט זענען מיר מקיים.

די צוויי באַלעבאַטים פון דער וועלט, די בלוטיקע שונאים, קוקן זיך אַרי־בער. משיח שמייכלט: איך האָב באַזיגט דעם שטן. אַנשטאָט האָס — ליבע, אַנשטאָט חורבן — שאַפונג, אַנשטאָט אַלדאָס בייז — אַלדאָס גוטס.

דער אדם בליַעל האָט פאַרשפּילט.

היימיש שטייט משיח מיט אַ סך שרײַבער אין דער ייִדישער ליטעראַ־טור. חנינה, דער גואל, אַפילו דער גולם, אויף דער גרויסער שמחה. ייִדן וואַרטן אויף זייער חלק: אויפן שור הבר, אויפן לוויתן, אויפן יין המשומר.

אַ גוטער דעקלאַמאַטאָר שטייט לעם משיחן און דעקלאַמירט ליעסינס ליד: „די סדרה לך לך״. „אַלטע זוכעניש פון טרייסט אין ספר / אויף אַ וועלט געשריי פון האַס און העץ / גייען מיר און וואַרטן אויפן שופר / ציילן אַלץ און רעכענען דעם קץ / מיט די אויגן צו די כמאַרעס אויבן / מיט די פיס דורך לוזשעס אייגן בלוט / גייען מיר פאַר־שיכּורטע פון גלויבן / וואַנדערן און וואַרטן אין מאַרשרוט. / קוקן מיר צום ליכט, וואָס איז פאַרבאָרגן; הערן אַלץ פון אויסלייזער די טריט: צי

מאָרגן, אפשר איבער־מאָרגן — קומען וועט ער, ווי ער זאָמט זיך ניט".

מיט ליעסינען אַ פּלעיאַדע ייִדישע דיכטער. אין דער שפּיץ — ה. לייוויק.

און משיח איז צופרידן אויף זײַן אייזעלע מיט די ייִדישע שרײַבער.

אין שפּיץ פון די משיחישע באַוועגונגען זענען געשטאַנען מקובלים. נאָכדעם ווי זיי האָבן קיין הצלחה ניט געהאַט, איז אין פאָלק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער גלויבן אין דער נאַציאָנאַלער שליחות פון קבלה. אָבער ס׳איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די גרויסע משיח־לעגענדע.

די מאַסע האָט געדאַרפט האָבן אַ לעבנס־תורה, וואָס זאָל איר זײַן נענטער. אַ תורה וואָס איז פאַרבונדן מיטן לעבן, ניט אָפּגעשיידט פון ערד, פאַרקניפּט מיטן סוחר מיטן קרעמער מיט דעם בעל־מלאכה אין שטאָט, מיטן אַרענדאַר און קרעטשמער און שענקער אין דאָרף. אַ תורה וואָס שיידט זיך ניט אָפּ פון לעבן, נײַערט זעט דורכצוקומען מיטן לעבן און זוכט אין דער פּשוטערווירקלעכקייט אַ העכערן גײַסטיקן ציל און דאָ האָט די אַנטוויקלונג פון דער מיסטיק דערגרייכט צו דער חסידות.

עמאָציאָנעל און אינטויִטיוו האָט דאָס פאָלק געזען אַז מ׳מוז בויען די משיח־לעגענדע. אמת טאַקע: „אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא" — האָט די לעגענדע באַשטימט, אַז צווישן די זיבן זאַכן וואָס זענען געבוירן געוואָרן פאַר בראשית — איז געווען משיח. איידער נאָך ס׳איז געווען דער „ויהי אור". איידער בראשית איז געווען, ווי דער וווּנדערלעכער דיכטער אַ. לוצקי האָט אויסגעזונגען אין „בראשית — אינמיטן": „אַ געשטאַלט פון גאָר גאָר אַמאָל / אַ געמעל פון גאָרער־גאָר אַמאָל / אַ בילד פון אָדם איידער אָדם / אַ פּנימל פון אייביקייטס־פּאַרטאַג / אַ באַשאַף פון איידער וועלט קאַיאַר". עמאָציאָנעל, און אַפילו געדאַנקלעך, האָט זיך די משיח־געשטאַלט אַרײַנגעהאַפּטן אין ייִדישן היסטאָרישן געוועב. די לעגענדע האָט געשלאָגן וואָרצלען אין פאָלק. די אידייע האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע אויסשטראַלונג. זי איז געוואָרן ניט קיין סטאַטישער נוסח, נאָר אַ דינאַמישער שעפערישער נוסח אין ייִדישן לעבן.

עטלעכע לעגענדעס וועגן קץ, ווען משיח וועט קומען:

פאַרן טויט האָט אונדזער פּאָטער יעקב צונויפגערופן די קינדער זײַנע און האָט זיי אַזוי געזאָגט: „זאַמלט זיך צונויף, וועל איך אײַך פאַרויסזאָגן, וואָס מיט אײַך וועט פּאַסירן אין די גאָר שפּעטערדיקע צײַטן". ער האָט זיי אָבער דערפון גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר אָנגעהויבן בענטשן. עס ווײַזט אויס אַז ער האָט זיי געוואָלט אויפדעקן דעם קץ, דעם סוף פון גלות, ווען משיח וועט קומען. האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און דערזען די שכינה שטייט איבער אים, האָט ער באַקומען אָפּשײַ און האָט זײַנע ווערטער איבער־געריסן. די שכינה וויל נישט אַז דאָס וואָס איז פאַרדעקט פון מענטשן זאָל אויפגעדעקט ווערן.

ללמדך: אַז שוין אין די צייטן פון אונדזערע אָבות האָט זיך געוועבט די משיח־לעגענדע. די וויזיע האָט ניט אָפּגעלאָזט. דאָ לאָזט ניט די שכינה, דאָ לאָזן ניט די מלאָכים, אָבער די לעגענדע האָט איר פידל און די סטרונעס פּלאַצן ניט. פּלאַצט אַ סטרונע, שפּילט מען אויך אויף דער געפּלאַצטער סטרונע.

די נשמה פון פאָלק ווערט געשטאַלטיקט און אָנגעשטעלט פון אַ קאָס־מישער האַנט, וואָס פאַרמאָגט אַ סך סודות, פון אַ סך קלאַנגען און ציטער־נישן. איינער פון די סודות: דער קץ. משיח. משה זאָגט צום פאָלק:

„אין האָט געגעבנט און זיך געשטעלט אונטערן באַרג, און דער באַרג האָט געברענט מיט פײַער, ביזן האַרצן פון הימל מיט פינצטערניש, וואָלקן און נעפּל, און גאָט האָט צו אײַך גערעדט פון מיטן פײַער. אַ קול פון ווערטער האָט איר געהערט, אָבער אַ געשטאַלט האָט איר ניט געזען, בלויז אַ קול".

אַזאָ די משיח־געשטאַלט: אַ געשטאַלט וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען, בלויז אַן אינערלעכן טיפן קול. אַ קול וואָס זאָגט: אַז אַזאָ „ווירק־לעכקייט", אַזאָ „עקזיסטענץ" עקזיסטירט. דער ייִד זעט משיחן ווי ער ליגט אין טיפן שלאָף, ווי ער רײַסט זיך פון קייטן, ער איז לעם די לײַכטער פון דער ייִדישער מאַמע, בײַם הבדלה מאַכן, ער איז מוצאי תשעה באב בײַ אַלע פאַרענדיקטע תעניתים. ער איז אין זוהר, אין דער קבלה. דער אור הקדמון לײַכט אויף זײַן כתר.

נאָך אַ לעגענדע:

ר' יהושע בן לוי האָט אַמאָל דערזען אליהו הנביאן ווי ער שטייט בײַם אַריינגאַנג אין דער הייל, וווּ ר' שמעון בר יוחאי ליגט באַהאַלטן. פרעגט ער אים:

— ווען קומט משיח ?

זאָגט ער אים:

— גיי פרעג אים.

— ווו געפינט מען אים ?

— ער זיצט ביים אַריינגאַנג אין טויער פון שטאָט רוים.

— וואָס איז דער סימן זיינער ?

— ער זיצט צווישן אָרעמע, קראַנקע. אַלע אַנדערע דאָרט בינדן אויף און פאַרבינדן זייערע וווּנדן אַלע אויף איין מאָל; ער בינדט אויף און פאַר־בינדט יעדע ווונד באַזונדער, כדי ער זאָל יעדע רגע זיין גרייט אויף גאָטס באַפעל צו ברענגען די גאולה.

איז ר׳ יהושע בן לוי אַוועק קיין רוים און דאָרט אויפגעזוכט משיחן.

— שלום צו דיר, רבי און לערער מיינער! — באַגריסט אים ר׳ יהושע בן לוי.

— פריד צו דיר, בן לוי — ענטפערט ער אים.

— ווען קומט דער האַר ? — פרעגט ר׳ יהושע.

— היינט! — ענטפערט ער.

גייט ר׳ יהושע בן לוי צו אליהו, פרעגט ער ר׳ יהושען:

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט ?

— פריד צו דיר, בן לוי — האָט ער מיר געזאָגט.

— אויב אַזוי זענט איר ביידע, דו מיט דיין פאָטער, פאַרזיכערט מיט יענער וועלט.

— ער האָט מיך אָבער אָפּגענאַרט — זאָגט יהושע בן לוי וויַטער — געזאָגט האָט ער: „היינט קום איך" — און ער איז נישט געקומען.

— האָסט אים שלעכט פאַרשטאַנען — זאָגט אליהו — היינט און אויך יעדן טאָג ווען נאָר יידן וועלן זיך פאַרדינען.

לאמור: משיח האָט אַ תנאי: ווען יידן וועלן זיך פאַרדינען...

דאָס פאָלק האָט געשאַפן דעם שמועס צווישן ר׳ לוי בן יהושע מיט אליהו הנביא, כדי דיר זאָגן: משיח לעבט. ער עקזיסטירט. עס ווענדט זיך נאָר אין דיר. אין גרויסן אָקיאַנוס פון דער וועלט דאַרף דער ייד זיך פאַר־דינען דעם קץ.

„אין סוף פון די טעג וועסטו זיך אומקערן צו יהוה דיין גאָט, און וועסט צוהערן צו זיין קול, וואָרעם יהוה דיין גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער גאָט,

ער וועט דיך ניט פאַרלאָזן און דיך ניט אומברענגען און וועט ניט פאַרגעסן דעם בונד פון דײַנע עלטערן וואָס ער האָט זיי געשוואָרן". איז דאָס דער תּנאי: „זיך אומקערן צו יהוה דײַן גאָט און צוהערן זײַן קול".

דער ייִד האָט געפירט אַן אייביקן דיאַלאָג מיט דער משיח־געשטאַלט. ער האָט געהערט קלאַנגען פון יענער וועלט. ער האָט געהערט דעם געקלאַנג פון די קייטן. טייל מאָל האָט דער ייִד געהערט משיחס קול שטיל און אומ־הימלעך. אויף אַלע בתּי־קבֿרים האָט ער אים דערזען, קבֿרים וווּ עס ליגן די ייִדישע קרבנות פון פּאָגראָמען. ער האָט געוואַרט אויפן זיבעטן בעטלער פון בראַצלאַווער, ער זאָל קומען אין די טעג פון דער גאולה און דערציילן זײַן לעצטע מעשׂה. אין דער זיסער שטילקייט און אין זאַווערוכעס — די משיח־לעגענדע.

האָט דער ייִד בײַ דער אָדער יענער תּפֿילה צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער גערעדט מיט משיחן: בקרוב יבֿוא אלינו. ער וועט קומען. די משיח־לעגענדע האָט געוועלטיקט ווי אַ הערשער אין אַלע אָרעמשאַפֿטן און אויך בײַ נגידישע טישן, אין בײַדלעך און אין פּאַלאַצן.

„אומעטום אין דער וועלט, און אומעטום אין די צײַטן, דרייט זיך דער איין און דער זעלבער „עיגול" וואָס רופֿט זיך ייִדישע געשיכטע. אַ ראָד וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף. דאָס ראָד דרייט זיך אין ליכט און אין פֿינצטערניש. אין אויבן און אין אונטן. אונטן — אָרעמשאַפֿט און שפּלות. אויבן עשירות אין גוף און עשירות אין גײַסט".

דאָס גרעסטע עשירות אין גײַסט: די משיח־לעגענדע.

ייִדן צווישן צוויי וועלט־מלחמות האָבן געלייענט אַנסקיס: די צען צייכנס פון משיחן. אַנסקי איז געווען באַליבט צווישן די ייִדישע מאַסן אַ דאַנק „צווישן צוויי וועלטן" (דער דיבוק) און מ'האָט הנאה געהאַט פון זײַנע משיח־לעגענדעס.

אויף הונדערטער און טויזנטער יאָרן האָט דער אַלמעכטיקער פֿאַרבאָרגן פון מענטשלעכע אויגן זײַן שפּור — דעם טאָג פון משיחן אויף הונדערטער און טויזנטער יאָרן. מיטן גוטן ווילן האָט משיח גענומען אויף זיך די יסורים פון וואַרטן. אין יעדן טאָג מיט דעם אויפֿגאַנג פון מאָרגנשטערן הילט אײַן דער אַלמעכטיקער זײַן פּנים אין טרויער און וויינט. די טרערן פֿאַלן אַרײַן אין טיפֿן ים. און ווען דער אַלמעכטיקער וויינט טרייסלען זיך די הימלען און עס ציטערט די ערד. דאַן דערנענטערט זיך משיח צו די טרעפּ פון

כסא הכבוד און פרעגט: עד מתי? ביז וואַנען, רבונו של עולם? הערט משיח אַ רחמנותדיק קול: „מײַן געליבט קינד — עס איז נאָך ניט געקומען דײַן שעה און עס האָט זיך נאָך ניט דערפילט די צײַט פון די ערדישע כוחות". וואַרט ווײַטער משיח ביז זײַן שעה וועט קומען. ער וואַרט אין דער באַגלייטונג פון גרויסן מבשר: אליהו הנביא.

האָבן ייִדן דערציילט מעשיות פון מלחמת גוג ומגוג, וועגן אַ געוואַלדיקן געראַנגל צווישן גוג און מגוג, און וועגן דעם פאַרגייער פון משיח בן יוסף, וואָס וועט באַצווינגען אַלע לענדער אַרום ירושלים, פון דמשק ביז אשקלון.

און צווישן גוג און מגוג האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ לעגענדע: ארמילוס, אַ געשטאַלט פון אַ שיינער נקבה, אויסגעהאַקט פון ווײַסן מירמלשטיין. אויסגעאַרבעט איז זי ניט דורך מענטשלעכע הענט נאָר דער אַלמעכטיקער האָט זי אַליין באַשאַפן מיט זײַן כוח. און עס וועלן קומען זינדיקע לײַט פון אדום, מנובלים און אומפאַרשעמטע, און וועלן ליגן מיט דער שטיינערנער נקבה און וועלן זי דערוואַרעמען. דער אַלמעכטיקער וועט אָפּהיטן זייערע טראָפּן אין דעם שטיינערנעם אינגעווייד פון דער נקבה און עס וועט געשאַפן ווערן אַ וולד. ווען עס וועט זיך מײַדן די באַשטימטע צײַט וועט זיך שפּאַלטן דער שטיינערנער בויך און ס'וועט אַרויסגיין אַ בריה אין געשטאַלט פון אַ מענטשן און זײַן נאָמען וועט זײַן „ארמילוס". ארמילוס וועט קומען צום אדום הרשע און וועט זאָגן: „איך בין דײַן גאָט". און די קינדער פון אדום וועלן אים באַלד אָננעמען פאַר זייער גאָט און וועלן זיך צו אים בוקן און וועלן אים קרוינען פאַר אַ מלך איבער זיך. ער איז דער באַלעבאָס פון די שקץ-לוחות. פון געצנדינערײַ.

קעגן אַרמילוסן וועט משיח בן יוסף מיט דרײַסיק טויזנט גבורים אַרויסגיין אין שלאַכט. דאָס וועט זײַן אין די צײַטן פון מלחמת גוג ומגוג. משיח בן יוסף וועט זײַן אין געפענקעניש און מ'וועט אים שמידן אין אײַזערנע קייטן. מ'וועט אים פּײַניקן מיט אַלע עינויים קשים. די אָבות וועלן משיח בן יוספן ברענגען צו מערת המכפלה, וועלן באַזינגען זײַן מסירות נפש פאַרן פאָלק. און דער אַלמעכטיקער וועט אים מקבל פנים זײַן.

אין די צײַטן וועט זיך אַרײַנמישן דער שופר של משיח. אויף דער ערד וועט אַראָפּשטײַגן דער מלאך מיכאל און וועט שאַלן מיטן שופר של משיח און אליהו הנביאס קול וועט זיך לאָזן הערן אויף די בערג פון ארץ ישראל און וועט אָנזאָגן די פולע גאולה. צוזאַמען מיט משיחן און אליהו הנביא

וועלן אָנקומען די נביאים: משה, ישעיהו, ירמיהו, ברוך, עזרא, חנוך און מלכי צדק. און אַלע צוזאַמען מיט משיח בן דוד וועלן גיין צו דער פולער גאולה. אָבער אויך אַרמילוס וועט זיך אויפכאַפּן און וועט אויפזאַמלען זײַנע חיילות פון גוג און מגוג און מיט זיי אַרויסטרעטן אַקעגן משיח בן דוד. ביידע מחנות וועלן זיך צונויפקומען אין טאָל יהושפט. די פון איין זײַט און יענע פון דער אַנדערער זײַט. דענסטמאָל וועט גאָט ברוך הוא, אין זײַן מאַכט און גבורה, אַרויסטרעטן קעגן ארמילוס הרשע און זײַנע חיילות. דער הימל וועט האָגלען מיט שטיינער, וועט פאַרטיליקן ארמילוסן מיט אַלע זײַנע חיילות ביז צום לעצטן. דאָס קיניגרײַך פון אדום הרשע וועט פאַרוויסט ווערן, אַז קיינער וועט ניט וויסן איר אָרט ביז סוף כל הדורות.

דאַן — אַ נײַע פּרשה: תחית המתים.

משיח בן דוד, דער גואל וועט פירן אַלע ייִדן, פון אַלע גלות-לענדער קיין ירושלים, און פון ירושלים וועט זיך אויסשפּרייטן גאָטס הערשאַפט אויף דער וועלט. דאָס פאָלק ישראל דורכגייענדיק דורך שפלות און טויט, וועט נײַ געבוירן ווערן און אויפלעבן. די זיבן ליכטער וועלן פונדאַסנײַ אָנגעצונדן ווערן: אף על פי שיתמהמה. אָט די אגדות האָבן געלעבט אין פאָלק.

די אגדות זענען געוואָרן דער פּאַטאָס פון ייִדישן מענטש און פון שעפע־רישן מענטש. אַ חלום וואָס האָט געלעבט ווי די וואָרהייט אַליין. נישט קיין אייבערפלעכלעכע זריעה, נאָר דער וואָרצל אַליין.

די אגדות זענען געווען פּאָטענצן פון לעבן און שאַפן. דער באַגריף פון דער משיח־דערלייזונג און אחרית הימים זענען געווען צוויי הויפּט־קראַפטן וועלכע האָבן באַאומרויִקט שרײַבער, און דיכטער פאַרטיפן זיך אין דער פערזענלעכקייט וואָס זײַן נאָמען איז: משיח.

בײַ די אָפענע טירן פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז געשטאַנען עקשנותדיק די טעמע: גאולה. דער גרויסער פאַרמעגן פון ייִדישן שרײַבער. זײַן אייגנטום. מיט דאַרשטיקייט איז דער ייִדישער דיכטער, דראַמאַטורג אָנגעקומען צו דער טעמע: משיח.

דער ייִחוס, דער חן און דער תּוך פון לשון־ייִדיש — די משיח־טעמע, באַזוימט מיט אַ סך ידיעה, געראַנגל און הבנה אין דער פאָלקס־נשמה. באַלויכטן מיט עסיי, דערציילונג, ליד און דראַמע. אַרויסגעיאָמערט האָט תּנחומס רוף אין לייוויקס „גולם”: „ווער וועט רעטן?”.

אין ספר דניאל, נאָכן פאַלן פון די פיר גרויסמאַכטן, זעט דניאל אין זײַן וויזיע — אַ פינפטע מלכות, מלכות המשיח. דער משיח איז דאָס יידישע פאָלק. נישטאָ קיין פּריוואַטער משיח, נאָר אַ גאַנצער פאָלק. עם סגולה — מיט גלויבן אין השארת הנפש, חיי עולם הבא, און אין תחיית המתים (לקץ הימים). דאָס פאָלק האָט זיך צעטײלט אין צוויי טײלן. איין טייל האָט געגלייבט אין איין משיח און איין טייל — אז גאָט אַליין וועט ברענגען שלום, ברודערשאַפט. ס'האָט געהייסן: „יום הדין הגדול". דעם „אחרית הימים" קען מען ברענגען דורך מעשים. דאָס פאָלק און יעדער יחיד קען זײַן אַ שותף צו דחיקת הקץ. געזיגט האָט די אמונה אין איין משיח.

דער נביא האָט געזאָגט: שמעו בקולי. דער משיח: לכו אחרי.

די לאַגע פון נביא איז געווען אַ בעסערע ווי פון משיחן. דער נביא האָט געדאַרפט איבערצײַגן, אָבער ער איז פרײַ געווען צו ווײַזן אַ קאָנקרעטן פאַקט, דעם קאָנקרעטן פאַקט פון גאולה האָט געדאַרפט ברענגען משיח בכבודו ובעצמו. אַלע ביכער וועגן ירושלים, חברון, צפת, טבריה טראָגן אין זיך בענקענישן לבוא המשיח. ווען די יידישע פּרוי האָט אַרײַנגעוואָרפן פאַר ליכט־בענטשן אירע אָרעמע פּרוטות אין ר' מאיר בעל הנס פּושקע, איז עס געווען אַן אַקט פון בענקעניש נאָך משיחן, נאָך גאולה... אַמבאַסאַדאָרן פון משיחן זענען געווען די משולחים. די שדרים. דער משולח אין שלום אַשס שטעטל איז אַ שליח פון משיחן. די קבלה איז אַן אַמבאַסאַדאָר פון משיחן.

בעל שם־טובס נסיעה קיין ארץ ישראל און די נסיעה פון ר' נחמנען, דער בראַצלאַווער, קיין ארץ ישראל, זענען געטריבן געוואָרן פון עקשנות־דיקער בענקעניש נאָך משיחן. דער בעש"ט האָט געזאָגט: „איטלעכער ייד האָט אין זײַן נשמה אַ טייל פון משיחן, און ער דאַרף דעם דאָזיקן טייל מתקן זײַן, כדי דאָס גאַנצע געשטאַלט פון משיחן זאָל זײַן פון אַלע יידן אינאיינעם". דער מעזריטשער מגיד ר' בער האָט געזאָגט אַז „אין גלות קען מען ניט לערנען תורה, ווײַל עס מישן זיך אַרײַן מחשבות פון דער פרעמד. אַז משיח וועט קומען, וועט מען אויסגעלייזט ווערן און מ'וועט קענען לערנען תורה".

דער שענסטער קאַפּיטל פון חסידיזם איז די אָרגאַניזירטע עליה קיין ארץ ישראל, פון ר' נחמן פון האָראָדענקאַ, פון מענדל פּרעמישלאַנער, פון ר' מענדל וויטעבסקער. אַ תּלמיד פון חוזה פון לובלין איז אָנגעקומען קיין

ארץ ישראל צו 74 יאָר און געלערנט 74 טעג, אַ טאָג פאַר יעדן יאָר. ער האָט געזאָגט: „איך וויל מצרף זײַן מײַן קול צום שופר, כדי אַראָפּצוברענגען משיחן".

די משיח־לעגענדע, אויסגעפּוצט אין אַלע קאָלירן האָט באַומרויִקט די ייִדישע ליטעראַטור, מער ווי די העברעיִשע. די וועלט איז תוהו ובוהו און בענקעניש נאָך אַ געשטאַלט וועלכע זאָל מאַכן אַ שטיקל סדר.

די משיח־געשטאַלט איז געקומען נאָך פון גלות בבל. דאָרט איז אויפֿגעקומען דער גאולה־מאָטיוו. דער אָנהייב האָט געהאַט אַ המשך, אַ המשך נאָכן צווייטן חורבן. יעדער דור האָט עפּעס צוגעגעבן דער משיח־געשטאַלט. יעדער דור. מיטן דור — די ליטעראַטור. זי האָט אָפּגעשאַצט זײַנע מעגלעכקייטן, און דעריזען: די מעגלעכקייטן אומבאַגרענעצטע: גאולה פאַרן ייִד און פאַר אַלע פעלקער.

אין משך פון דורות איז די לעגענדע געשטיגן. זי האָט זיך דערוואָרעמט אין וואָכעדיקן ייִדישן לעבן און אין קדושה. אַ לעגענדע וואָס האָט געציטערט און געפלאַטערט אין דער ייִדישער שטוב. זי איז אָנגעקומען צו אַלע טיפן און צו אַלע הייכן. אויף דער משיח־לייטער האָט דער ייִד געקלעטערט טאָג־טעגלעך. ער האָט זיך אין איר אַרײַנגעלעבט און אַרײַנגעפילט.

דער גאָט־געבענטשטער ייִדישער דיכטער און דראַמאַטורג האָט מיט זײַן רוח החכמה מיט שכל און געפיל געטעמט דעם יין המשומר פון דער וווּנדערלעכער לעגענדע. אַ לעגענדע מיט אַן אייגנאַרטיקן ריטעם. אַ לעגענדע וואָס טראָגט ספקות און בטחון. מער בטחון ווי ספקות. ניטאָ צו איר קיין גלײַכן. די משיח־לעגענדע איז ניט נאָר מיסטיק. זי איז אַרײַנגעוואַקסן אין דער רעאַליע. אַ דאַנק איר, נאָך אַלע צרות און לײַדן, האָט זיך דער ייִד געפילט אויפגעפרישטער, אויפגעמוטיקטער.

די קבליסטן אין צפת פלעגן שטיין תשעה־באָב בײַ אַן אָפענעם פענצטער און אויסקוקן: אפשר קומט ער אָן. ס'איז ניט געווען קיין מיסטיק. דאָס געהערט שוין צום רעאַלן לעבן. צו דער טיפער אמונה אַז ער איז דאָ. מ'דאַרף אים אָפּוואַרטן. אַ דאַנק דער משיח־לעגענדע איז געווען דער ייִד מסוגל דורכצולעבן אַלע פּײַנען אין דערהייבונג, נישט אין געפאַלנקייט.

לייוויק, לעיעלעס, פּרץ, איגנאַטאָוו, ליעסין, רויזענבלאַט, מנחם באָריישאַ, סיגאַל, יהואש, גלאַטשטיין א.אַ. האָבן נאָכגעקוקט דעם שליאַך פון וועלכן ער דאַרף אָנקומען. זיי זענען געווען זיכער: ער קומט אָן פון אַ ווײַטן וועג.

פון וועלכער ריכטונג האָט קיינער ניט געוווסט. די ייִדישע שרײַבער זענען געווען זיכער, אַז שוין אין וויג־ליד שטעקט דער משיח־מאָטיוו; אַז ער איז דער בעסטער לעבנס־באַגלייטער פון ייִד. און אויב אליהו הנביא דער באַגלייטער, ווייל זײַן דער מבשר — אַדרבא און אַדרבא. די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור האָט ליב אליהו הנביאן. זיי האָבן איבערגעצאַנדערשט זײַן תנ״כיש געשטאַלט. אויך ער, אליהו הנביא, איז ייִחוס, חן און תוך פון ייִדיש.

משיח דאָס האַרץ פון פאָלק. און אויב ער איז דאָס האַרץ פון פאָלק, איז געקומען די ייִדישע ליטעראַטור מיט אַלע קינסטלערישע כלים און געבראַכט אים צו אַלע יישובים, ווו נאָר דער ייִד זאָגט: שמע ישראל. דער ייִדישער שרײַבער האָט ניט געלאָזט אין דער משיח־געשטאַלט אַרײַנשפּריצן פרעמדע תמציתן. כולו שלנו. וגר זאב עם כבש. אַ לעמפּערט מיט אַ ציגעלע און אַ קליין ייִנגל פירט זיי אַרום. אַ ייִדישער נוסח. און אויב דער מבשר וויל אַרויף אויף די הימלען אין אַ פֿײַערדיקן רײַטוואָגן, זענען געקומען מאַני לייב, קאַדיע, לייוויק, יהואש, משה לייב האַלפּערן, מאַנגער — און זיי האָבן אים באַגלייט. די געשטאַלטן פון דוד הראובני, פון שלמה מולכו און אַפילו אשר לעמלין זענען אַנגעקומען מיטן גולם און געפאָדערט כבוד. דאָס געשטאַלט שלמה מולכו האָט גערייצט לעיעלעסן. אויך דאָס געשטאַלט פון פשוטן שניידער אשר לעמלין. ייִדישע משיחישע דראַמעס.

מנחם באָריישאָס „גייער״ זאָגט:

„דאָס איז דער רוף פון ייִד / דער רוף וואָס גאָט האָט אים געוויילט / צו ברענגען צו די פעלקער / און אָנזאָגן דער וועלט: / ס׳דאַרף קיינער נישט קיין לאַנד / קיין וואַרעמען און אָפּגעצוימטן ווינקל, / ווען ס׳טוט די ערד אַליין דעם נס / ס׳ועט זײַן ירושלים אומעטום. / נישט פון ערד — / פון הימל״. דער גייער וויל ניט אָראָפּנעמען משיחן פון חלום, ער וויל אים נישט קאָנקרעטיזירן. ער וויל אַז דער ייִד זאָל לעבן מיט דער משיח־געשטאַלט וואָס איז כולו חלום.

דער גלות־ייִד, און אויך דער ייִד אין ישראל, לעבט מיט דער וויזיע פון גאולה, דורך אַ געשטאַלט וואָס וועט קומען צו רײַטן אויף אַן אייזעלע ווי אַן אָרעמאַן. דער משיח־פּאָרטרעט איז ליכט און גײַסט, ער איז תּפילה און געזאַנג. און דערפאַר האָט זיך דערלויבט איציק מאַנגער אַ שפּיל טאָן זיך מיט די בערד פון די אָבות, אָבער אויפן חשבון פון משיחן האָט דער

גרויסער פאָלקס־טרובאַדור געפילט דאַרף מען ניט און מ׳טאָר זיך ניט ווינצלען.

די משיח׳ישע באַוועגונגען קומען אָן צו זייערע שליאַכן, באַווײַזן אונדז ווי מעכטיק ס׳איז געווען די משיח־געשטאַלט. דאָס חלומדיקע פײַער האָט זיך געריסן צו ווערן ווירקלעכקייט. די ייִדישע ליטעראַטור איז איר נאָכ־געגאַנגען.

משיח אין די אויגן פון פאָלק האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט רעליגיע, מיט באַזונדערע תּפילות. ער אַליין איז אַ פאַרבענקטע נשמה וואָס וויל אויס־לייזן זײַן פאָלק און האָט אויך פּרעטענסיעס אויסצולייזן די וועלט. משיח קומט ניט מיט שטראָפרייד צו זײַן פאָלק. פון די קייטן, פון זײַן אָרעמקייט, צי בײַ די טויערן פון רוים, צי בײַ אַנדערע טויערן, איז ער היימיש מיט זײַן פאָלק. מיט זײַן שמחה און זײַן עצבות, מיט זײַן געשריי און מיט זײַן שווײַגן. אַ היימישער בײַם ייִדישן טיש... ער איז דער גרעסטער יש אין ייִדישן לעבן. אַליבאַ דלייוויק: משיחס שייכות מיט גאָט איז אַ קליינע. דאָס געשטאַלט משיח האָט דעם שטריך פון אייביקייט. פון נצח. ער איז פאַראַן אין אַלע דורות און ער וועט פאַרבלײַבן אין אַלע דורות. יעדער דור האָט אים. דאָס פאָלק האָט געלעבט מיטן גלויבן אַז דער דאָזיקער מענטש איז שטענדיק פאַראַן.

האָבן דאָך דערציילט אוישוויץ־מענטשן: אין איינעם פון די באַראַקן האָבן חסידים געזונגען אָן אויפהער מיט התלהבות: אף על פי שיתמהמה.״ און זיי זענען געווען איבערצײַגט, אַז ווען מ׳וועט זיי קומען נעמען צו די אויוונס, וועט משיח זיך אַנטפּלעקן און וועט זיי אויסלייזן. ווען זיי זענען געגאַנגען זינגענדיק צו די אויוונס, האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט אין מזרח, אין מערב, אין צפון און דרום און זיי זענען געווען איבערצײַגט, אַז אָט, אָט, קומט ער אָן...

דער גלויבן אין משיחן איז דער שטאַרקסטער גלויבן פון ייִד אויך אויפן שוועל פון טויט. דער ייִדישער מענטש האָט פאַרבונדן אַלע זײַנע חלומות מיט דעם גאולה־מענטש.

איז גאָר קיין וווּנדער ניט וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך געהאַלטן בײַ די פּאָלעס פון דעם גאולה־מענטש און זי האָט צעעפנט איר נשמה, און צעעפנט ווײַט און ברייט די אויגן און די פּען איז געווען אָנגעשאַרפט. מיט זיכערע טריט איז לייוויק אָנגעקומען צום גולם, צום מהר״ל. לייוויק

האָט געזוכט דעם בעל־גוף און דעם בעל־נפש וואָס דאַרף געבן אַ תשובה תנחומען: ווער וועט רעטן? דער בעל־גוף איז אים געווען נאָענט ניט ווינציקער ווי דער מהר״ל, דער בעל־נפש. לייוויק איז אומעטיק געווען ווען אין פינפער שלאָס געפינט זיך נאָר דער בעל־גוף און דער בעל־נפש איז ווײַט פון אים. לייוויק האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף די גאולה־וועגן און געזוכט אַ ביסל ווארעמקייט בײַם בעל־גוף און אַ ביסל האַרטקייט בײַם בעל־נפש. דער כּוח הדימיון האָט אים געפירט דורך אַלע היילן. דער גולם ווי דער מהר״ל איז געווען זײַן גײַסטיקער ברודער, ביידע — חברים אין לעבן, ווײַל ביידע טראָגן אין זיך דעם דראַנג צו גאולה.

לייוויק אין דעם מיסטישן וועלט־באַנעם האָט געזוכט די קאָנקרעטע געשטאַלט פון גואל. דער משיח־טרוים איז ניט קיין וועלט־באַנעם פון יחידי סגולה, נאָר פון גאַנצן פאָלק, אויך פון די אָרעמע, אונטערדריקטע מאַסן. ער איז אַ קנין פון כּלל.

די ייִדישע מאַמע בײַ דער תחינה האָט געבעטן: „אַ געזונטע וואָך און אַ געשפּײַזטע וואָך״ און אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „אַז דער הייליקער משיח זאָל קומען דאָס יאָר״. איך געדענק גוט די תפילה פון מײַן מאַמען, ווען דער שבת האָט זיך געגרייט אין וועג אַרײַן און די וואָכעדיקע טעג זענען אַנטקעגן געגאַנגען.

„השם יתברך נעמט דעם בעכער אין דער רעכטער האַנט, און מאַכט אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד, נאָך אַזוי הויך און נאָך אַזוי שיין — כּל־ישראל־קינדערלעך וועלן זאָגן אָמן ואָמן. זאָלן מיר זוכה זײַן דערלייזט און דער־פרייט צו ווערן. שלום אַל־די געמיין, אַז משיח בן דוד זאָל קומען דאָס היינטיקע יאָר צו גיין״. אין אַ סך פּוילישע שטעטלעך איז אויך גע־זונגען געוואָרן: „משיח זאָל קומען צו רײַטן אונדזערע בעסטע צײַטן! משיח זאָל קומען צו פאָרן אונדזערע בעסטע יאָרן״. די צעשפּילטע פאַנ־טאַזיע האָט געקאָנט משיג זײַן אַלע דרכים אין וועלכע משיח וועט גיין ביז ער וועט אָנקומען. וווּנדער איבער וווּנדער ווי די ייִדישע ליטעראַטור, מיט לייוויקן אין דער שפּיץ, איז אָנגעקומען אויף די אַלע דרכים. די ייִדישע ליטעראַטור איז געגאַנגען מיט דעם גוטן חלום און איך זע אין דעם ייִחוס, חן און תוך פון דער אימפּעריע: ייִדיש.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט אָנגעצונדן אין פינצטערע טעג דעם משיח־פאַקל.

פאַרוואָס איז דער גולם, ווי אַ פֿאַרווירקלעכער פֿון דער משיח־לעגענדע אַרויסגעוואַקסן פֿון פּראָג? בישט צוליב דער לומדות פֿון מהר"ל נאָר מחמת זײַן אײַנגעוואָרצלטקייט אין דעם כּלל־לעבן. און דאָ ווו ס'איז דאָ אײַנגעוואָרצלטקייט אין כּלל־לעבן, לעבט אויף דאָס געשטאַלט פֿון גואל. דער מהר"ל איז אויסגעוואַקסן ווי אַ דערלייזער, נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז געווען בלב ונפש ובגוף אײַנגעטונקט אין דער ייִדישער עדה, נישט געשטאַנען פֿון דער ווײַטן. אויב ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַרײַן מיט „גולמשע" עקספּערימענטן, איז עס געווען אַ דאַנק דער געוואַלדיקער צוגעבונדנקייט צום ייִדישן כּלל. ער האָט געזען דעם עבר פֿון פֿאָלק, דעם הווה און געחלומט פֿון זײַן צוקונפֿט. דאַרף דער גרעסטער בעל חלומות אים באַגלייטן.

איז געקומען די ייִדישע ליטעראַטור אין דער שפּיץ — ה. לייוויק, און געזוכט אַראָפּנעמען דעם געדיכטן שלייער פֿון חלום, און ברענגען דאָס געשטאַלט צו רעאַליע.

דאָס משיח־געשטאַלט איז בעצם נאָר רוי־שטאָף, רוי שטאָף דאַרף מען קאָנען קינסטלעריש קנעטן. איז לייוויק ניט אַוועק צו דער קבלה, נאָר איז אַוועק שעפּן פֿון פֿאָלקס קוואַל. ווו דערשײַנט לייוויקס משיח? אין הקדש, צווישן אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מדינה־גייער. אין דער דאָזיקער וועלט פֿון אביונישער גרויקייט, צווישן קוויטיקע אָרעמע לײַט, וועמענס גופים ס'זענען באַדעקט מיט קרעץ־אויסשלאָגן, בליצט־אויף דאָס געשטאַלט פֿון פֿאַרמאַטערטן וואַנדער־משיח. דאָס איז אַן אָפּקלאַנג פֿון טראַדיציאָנעלן עני ורוכב על המור.

ביטערט לייוויק און מיט אים אַנדערע גרויסע ייִדיש־דיכטער, צי איז ער געערכט ווען ער גיט דעם גולם די פּריוועלעגיע: „דער אייציקער וואָס מעג זײַן פֿינצטער, וואָס מעג פֿאַרגיסן בלוט פֿאַר בלוט".

דער דיכטער אין קלעם פֿון פּראָבלעמען אויף גאולה־וועגן. לייוויק ווייטיקט צוזאַמען מיטן מהר"ל: „אַזויפֿיל אומרו אין דײַן האַרץ, אַזויפֿיל שנאה / אַזויפֿיל שוואַרצע תאווה, קאַלטע בייזקייט; דו קענסט פֿון דײַן פֿאַרלאָרנקייט זיך ניט באַפֿרײַען / און איבער קיין זאַך קענסטו ניט דערהויבן זיך / און אויך ניט איבער זיך אַליין / און אַלץ וואָס האָט זיך פֿאַר דיר אַנטפּלעקט / האָט אויף אַ האָר דײַן לעבן ניט געלײַטערט, ניט געשטילט / דײַן אומרו, אויף דײַן מויל קיין שמייכל ניט געבוירן".

אויב אַפילו דער גולם וועט באַשאַפן דורכן שם המפורש קאָן די פויסט קיינמאָל קיין גואל ניט ווערן.

בן דוד וויל נישט גיין צוריק אין מדבר, און דער גולם ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זײַן פיזישן כח, נאָר דעם דיכטער פּײַניקט שוין אַ נײַער פּראָבלעם: „די גאולה געבראַכט אין נאָמען פון אָרעמע. און שוין זענען ווידער דאָ זאַטע און הונגעריקע, און שוין זענען דאָ חונפים און העצער, און אויסניצער די גאולה פאַר זיך. און שוין זענען ווידער דאָ שטאַרקע און שוואַכע, מקורבים און פרעמדע, יחסנים און לעצטע, בן יוסף אַליין איז שוין שיכּור פון גדולה, און פאַרגעסט צוליב וואָס ער איז געקומען. „די מאַכט ניט פאַרלירן — זײַן איינציקע זאָרג, און גאווה און רשעות — זײַן הייליקע תאווה". די ייִדישע ליטעראַטור האָט מיט דער משיח־געשטאַלט געגלייבט אין זריחה, אין אויפגאַנג, אין אויפשפּראָץ, אָבער מורא געהאַט, אַז „די גאולה געבראַכט אין נאָמען פון אָרעמע, און שוין זענען ווידער דאָ זאַטע און הונגעריקע".

דורך די משיחישע באַוועגונגען האָט די משיח־אידייע דורכגעמאַכט אַקטיווע פּראָצעסן; אין און דורך דער משיח־געשטאַלט און די משיחישע באַוועגונגען האָט די ייִדישע ליטעראַטור דורכגעמאַכט קינסטלערישע פּראָצעסן. איבערגעלאָזט קולות פון אַ גוטער ליטעראַטור און אָפּטמאָל דוכט זיך, אַרום דער משיח־געשטאַלט דרייט זיך אַרום דער שעפערישער אַקס פון דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור. די ייִדישע ליטעראַטור אין איינקלאַנג מיט דער מסורה האָט געוווּסט אַז מ'דאַרף צוגרייטן די וועלט, אַז משיח זאָל קאָנען קומען (כולו חייב אָדער כולו זכאי). אַרום דעם זענען אויסגעוואַקסן אַ סך לעגענדעס. דאָס פאָלק האָט ליב געהאַט די לעגענדע, אַז משיח זיצט בײַ די טויערן פון רוים, בינדט אָפּ די שמאַטעס פון די פיס אַן אַנגעווייטיקטער און איז פאַרבומען מיט זײַנע ווונדן. טראַגישע מענטשלעכע שטריכן. לײַכט איז דאָך געווען צו דערפירן דאָס געשטאַלט צו געטלעכקייט, אָבער נישט די לעגענדע, נישט די ייִדישע ליטעראַטור האָבן געפירט משיחן צו געטלעכקייט.

היינריך היינע איז נאָכגעגאַנגען דער לעגענדע, אַז משיח זיצט אין די הימלען און לערנט תורה טאָג און נאַכט און וואַרט אויף זײַן שליחות. אָבער קיינער פון די וועלכע האָבן אײַנגעטונקט זייער פען אין גאולה־מאָטיוו, האָט נישט דערפירט די משיח־געשטאַלט צו געטלעכקייט.

מיר וואָלטן זייער וועלן וו סן וועלכן וויכוח פירט משיח מיט גאָט אַליין. ער איז דאָך ניט פּאַסיוו צו די לײַדן פון זײַן פאָלק און די לײַדן פון דער וועלט. אָבער קיינער דערציילט אונדז ניט צי אַזאַ ויכוח קומט בכלל פאָר. משיח איז געבוירן אין יסורים און דער פּסוק: „מן המיצר קראתי יה" עקזיסטירט ניט אין רעם פון דער משיח־געשטאַלט. משיח אין די הימלען זעט אַ וועלט ריין און לויטער, אָבער די וועלט האָט ניט קיין שום שייכות צו דער ערד ווו עס שרײַט פּײַן און שרעק. משיח איז אַרײַנגעטאָן אין זיך גופא אין זײַן טרויעריקן מזל. ער וויל העלפן, ער מוז העלפן, אָבער דער שליח איז אין קייטן. ער פירט דעם חשבון פון דער וועלט. דער חשבון איז אַ טרויעריקער: „פינצטערניש גייט אויף אונדז, פינצטערניש פון אַלע זײַטן".

דער יידישער דיכטער ה. לייוויק איז דערגאַנגען צו דער מסקנה: נאָר דאָס פאָלק קאָן רופן משיחן אויסצופירן די שליחות פון גאולה: „פאָלק ישראל — וויין ניט, קלאָג ניט. איך וועל קומען, רוף מיך. נאָר רוף מיך. ווידער רוף מיך. טאָג און נאַכט — רוף מיך. צפון, דרום, רוף מיך, מזרח, מערב — רוף מיך, אַזוי ווי איך — איך רוף דיך. פאָלק — איך רוף דיך. קום, באַפרײַ מיך. קו...ם".

דאָס איז די הויפּט־מסקנה פון אַלע יידישע דיכטער וואָס האָבן באַאומרויִקט זייער פּען אין משיח־ווירוואַר. דאָס פאָלק איז דער הויפּט־באַלעבאָס איבער משיחן. קיינער קאָן אים ניט געבן קיין פּאַספּאָרט אַרויספאָרן פון חלום, פון הימלען צו רעאַליע. נאָר דאָס פאָלק. דער יידישער דראַמאַטורג, דיכטער, וועקט פּאַרדרוס, פאַרוואָס רופט אים נישט דאָס פאָלק. נאָר איינער פון די מלאכים וועלכע שמידן קייטן פאַר משיחן, עזריאל, נאָר איינער זאָגט: „כ'וועל ניט לאָזן די פיס פון גואל פאַרשמידן", נאָר איינער רעדט קלאָרע דיבורים אַז „די הימלען גלאָצן מיט פרומקייט און גיסן מכלומערשטע טרערן אויף מענטשלעכן צער". נאָר איינער פון דער גרויסער מלאכים־מאַסע.

ה. לייוויק זאָגט אַז מ'דאַרף ניט זען דאָס משיח־געשטאַלט ווי אַ פּאַסיווע געשטאַלט. ער איז ווי אַ רעוואָלוציאָנער וואָס זיצט אין טורמע. דער רעוואָלוציאָנער וואָס זיצט אין דער טורמע האָט אַן אַקטיווע ראָל. ער בויט באַריקאַדן. ער צינדט דעם דמיון. ער אַקטיוויזירט מאַסן. אין האַרץ פון יעדן דורכגייער דורך דער טורמע קלינגען אָפּ די קייטן פון

דעם דאָזיקן מענטש אין צעל. די מענטשן, וועלן נאָך, אַ דאַנק דעם רעוואָלוציאָנער אין טורמע, זיך אַ לאָז טאָן און ווערן דער גואל פון דער גאָס. אין דעם צושטאַנד איז דאָס משיח־געשטאַלט.

דער הויפּט־פּראָבלעם ביַים יידישן שריַיבער איז געווען: ווי דאַרפן מענטשן, ווי דאַרפן יידן רעאַגירן אין בלוטיקע צייַטן. דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבן דעם גייַסטיקן משיח פּלוס אַקטיוויטעט. די האַק אין האַנט פון גולם באַזומרויקט דעם מהר״ל. מען קאָן זיך אויף דער האַק ניט פאַרלאָזן. דער גולם אָבער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. אויפן בוידעם ליגט ער 400 יאָר. יאָסעלע גולם איז געקומען אים אויפוועקן. ביז הייַנט צו טאָג האַלט אָן דאָס פאָלק דעם קאָנטאַקט מיטן גולם. ער וויל זיך מיט אים ניט שיידן. אפשר וועלן אָנקומען בייזע טעג און ער וועט דאַרפן דעם גולם מיט דער האַק. ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען. עס איז ניט קיין אויסדוכטעניש אַז כמיעלניצקי און זייַנע נאָכפאָלגער־היטלעריסטן קאָנען אָנקומען פונדאָסניי אויף דער ערענע. דער פאַרשרפּהטער שטאָם האָט מורא צו בלייַבן אָן דעם גולם. כ׳וואָלט געזאָגט: ניט יאָסעלע קומט וועקן דעם גולם, קומט מיט אים אין קאָנטאַקט, נאָר דאָס פאָלק. פון ווייַטער ווייַט הערט דאָס פאָלק די אויסגעשרייען פון די קאָזאַקן און פון אַלע מערדער. דער שיכּורער גוי מיטן כלי־זין קאָן אָנקומען צו פאַרברעכנס, צו יידיש לעבן, צו זייַן האָב און גוטס. מיט אויגן אָפענע אויף דעם ווייַטן מאָרגן שליסט דאָס פאָלק דורך לייוויקן און דורך אַנדערע דיכטער דעם קאָנטאַקט מיטן גולם.

דער חורבן האָט געענדערט אונדזער באַציִונג צום גולם אויפן בוידעם.

לייוויק גיט צו דערקלערן אין אָן עסיי, אַז אַלע אויסלייזער, אַפילו די למד־וואָוניקעס זענען טראַגישע פיגורן. די יידישע ליטעראַטור האָט געטאָן אַלץ, כּדי נישט צו לויבן אַ סך די משיחים, די למד־וואָוניקעס, נישט ברענגען זיי צו דער מדרגה פון געטלעכקייט. אַפילו משה רבנו, וואָס האָט געפירט די יידן פון מצרים, איז אויסגעהיט געוואָרן פון אַ סך שבחים אין דער יידישער ליטעראַטור. ס׳איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן זייַן טראַגישקייט. ער איז אַ קינד פון אַ טראַגישן פאָלק. ער איז אין די פּייַערצונגען פון כלל־גאולה, אָבער ניט אין די פּייַערצונגען פון זייַן פערזענלעכער גאולה. עס זידט אין אים די תאווה פון גאולה און ער אַלייַן אַ טראַגישע געשטאַלט, אָבער ניט קיין געטלעכע. ער איז אַן אויסדער־

ווילטער צו טראַגיק. ער איז דער באַצאָלער פאַרן פאָלק. ער איז שטענדיק אין דער ממשלה פון פאָלקס רצון. ער איז צוזאַמען מיטן פאָלק. אַרויף און אַראָפּ אויף זײַנע הייכן און נידערן. טראָגט ער שטראָף־רייד, קומט עס פון זײַן טראַגישקייט, אָבער ניט פון זײַן געטלעכקייט.

די וווּנדער פון דעם תנ״ך, און אין תנ״כס פּוס־טריט די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור, ווײַזן אונדזערע העלדן, אונדזערע אבות נביאים און שופטים ווי טאָג־טעגלעכע מענטשן מיט זייערע שוואַכקייטן.

מאַנגער האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט די בערד פון די אבות, אָנגענומען זיך די קריוודע פון הגרן, געגאַנגען אין די פּוס־טריט פון דוד המלך, פון רותן, און געזען אויף זייער טיש נישט נאָר שבתדיקע לײַכטער. אמת טאַקע — אַ סך חן־גריבעלעך, אָבער אויך אַ סך חטאים. אַ סך קנייטשן. אַ סך צער, אָבער אויך אַ סך פּשוטע מענטשלעכע איראָניע. פּשוטע פּנימער. נישט קיין הייליקע. אָט שײַנען זיי, אָט שטראַלן זיי און אָט קומט אָן בת־שבע און אמנון און תמר. די גאַנצע האַלטונג פון די העלדן — אַ מענטשלעכע. זיי האָבן אַ געזונגנדיקן שטח פאַר גוטע מעשׂים אָבער אויך אַ געזונגנדקן שטח פאַר חטאים.

דער העלד פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז צום אַלעם ערשטן אַ מענטש. אַ מענטש וואָס באַגייט פעלערן. שמעון און ראובן און דינה קומען אָן ייִי מענטשן מיט חטאים. מיט אינסטינקטן. דער גאַנצער פאָלקלאָר איז געבויט אויף די מאָטיוון. די מענטשלעכע ראָלע איז ניט די געטלעכע ראָלע. נאָר דער גורל פון מענטש, פון יחיד.

דער משיח בלײַבט אייביק אין זײַן טראַגיק.

ליעסין, אײַנגעטונקט אין משיח־מאָטיוו, זעט מולכון אין זײַן טראַגיק. נישט וויכטיק וואָס ער איז ניט דער זיגער, וויכטיק איז דער מאָמענט וואָס ער האָט זיך באַוויזן מיט זײַן צעלויכטנקייט פאַרן פּויפּסט און אים פאַרשאָטנט מיט זײַן ליכט: „די גאולה, די קראַפט, די געהיימע / וואָס רײַסט זיך פון צום פרײַ אַרויס / צו לעבן און ליבן אַן אישה / און שטאַרבן אין הייליקייט גרויס... // אָ, לערן מיך אַנטפּלעק מיר, ר׳ שלמה / דעם כח דעם וווּנדער פון דעם — / צו גיין אויף דײַן דרך אַן אימה / דעם דרך פון קידוש השם...״ אויך ווען ער ווערט פאַרברענט, בלײַבט ער בײַ ליעסינען דער גואל. דער וועלכער ברענגט די יסורים־מטלטלים פון פאָלק צו דער העכסטער מדרגה. ער פאַרוואַרפט דאָס פײַער אויף די פּלייצעס

און קומט אָן צו די בלעטער פון דער ייִדישער געשיכטע ווי אַ וווּנדערלעכע גאולה־געשטאַלט. ער איז ניט נאָר אין רוים, ער איז אין אַלע מקומות. ער איז געקומען צו דעם תכלית, אַז עס איז כדאַי פאַרברענט צו ווערן, כּדי דער חלום פון משיחן זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן... כּדאַי דורכגיין אַלע גיהינומס כּדי צו וויסן אַז דאָס פאָלק רופט דיך. ס'איז אַ מענטשלעכער משיח, אָן געטלעכע אַטריבוטן:

„און טרעפט זיך אַמאָל, דורכן לויף פון דורות / פאַרלירט ער די גואל־געדולד, / דאַן ווײנט ער און בעט זיך: אַ, האַר פון די וועלטן, / איז גרויס אַזוי טאָקע מײַן שולד. // פאַרוואָס בין איך אייביק צו לעבן פאַרשאָלטן / פאַרוואָס אַזאַ פורכטבאַרע שטראָף / צו טראָגן די משא, / דעם דראַנג פון דער גאולה און וואַרטן און לײַדן אָן סוף?". אַ משיח מיט טרויער, מיט ספקות... אַ משיח וועלכער רעדט פון לײַדן, יסורים און ליכטיקייט. ער איז אַ טראַגישע סיפּור־המעשה. ער עוסקט זיך ניט מיט מלאכים. ער עוסקט זיך מיטן צער און טרויער פון פאָלק. ער איז אַ שטיקל קרוב צו זײַן פאָלק, צו זײַן עבר און הווה, און מיט זײַן גאולה־דראַנג שפּײַזט ער דעם עתיד.

יעדער גרויסער דיכטער, אויב ער פאַרשנירלט ניט די וואָר, די רעאַליע מיט אַ ביסל חלום, איז ער אויסער די שעפערישע הייכן. דאָס האָט פאַרשטאַנען עגנון, ביאַליק, קאַפקאַ, בערדיטשעווסקי, פּרץ, ליעסין, לייוויק א.א. נישט נאָר פּייזאַזש, נאָר אויך פּנימער, טענער באַוועגונגען רײַסן זיך צו ווערן לעגענדע, חלום. משה קולבאַק האָט אַ ווערק מיטן נאָמען „בוניע און בערע", — ביידע העלדן ראַנגלען זיך פאַר אַ נײַעם טאָג. זיי פרעגן נאָר איין שאלה: „ווען וועט פון וואָר און חלום אויפגיין דער מאָרגנשטערן?" בוניע און בערע וואַרטן אויף דער גרויסער לעגענדע, — ווען אַ קינד וועט זיך שפּילן מיט אַ לעמפּערט און אַ ציגעלע וועט וווינען מיט אַ וואָלף.

בדרך כּלל קומט אין דער ייִדישער ליטעראַטור צום אויסדרוק דער ווילן פון ווירקלעכע־קאָנקרעטע העלדן וואָס ווערן לעגענדאַרע העלדן, אַזוי וויל לייוויקס גולם, אַזוי ווילן די משיחים פון לעיעלעסן, פון דוד פּינסקי, פון בערגעלסאָנען. אַזוי ווילן די לאַמעד־וואָווניקעס פון קולבאַקן.

צו די טויערן פון דער לעגענדע קומען אָן אַפילו די מקובלים. זיי האָבן געוואָלט ווערן לעגענדע.

ווען די מקובלים וואָלטן ניט אַנטוויקלט דעם נסתר־וועג, די קבלה עיונית, וואָלטן זיי ניט געקראָגן זייער פּאַסיק אָרט אין דער ייִדישער געשיכטע. אויך די מקובלים קאָנען זאָגן: „מיר ווען אַלטע וועלטן אָפּנעמען, נאָר דערמאָן צו גוטן כאַטש אונדזערע נעמען". און דאָס אַ דאַנק דער לעגענדע אַרום זיי.

אויך דער „זוהר" איז געוואָרן לעגענדע אַדאַנק דער וועלט פון ניסתר אויף זײַנע בלעטער. אויך די רעוואָלוציע האָט איר רעאַלן שליאַך. דעם שליאַך פון די רעאַלע באַריקאַדן, אָבער איר גאַנג איז צו ווערן לעגענדאַריש. עפּישע געשטאַלטן, אויסגעקנאַטענע פון רויער ערד, רײַסן זיך צו ווערן פאַנטאַסטישע געוויקסן און פאַרשריבן ווערן אין דער היסטאָריע ווי לעגענדעס. אַזוי דער בעל שם טוב אַזוי אליהו הנביא. אַזוי רבי שמעון בר יוחאי. אַזוי דער אר"י הקדוש. אַזוי, להבדיל, לענין, טראָצקי. אַזוי ישו. ווען זיי וואָלטן ניט געוואָרן לעגענדע, וואָלטן זיי געוואָרן ווינציקער אויפן ייִדישן מאַרק און אויף די וועלט־ביִנעס...

משה קולבאַק האָט גענומען אַ קאָנקרעטע רעאַלע שטאָט ווילנע און געמאַכט פון איר לעגענדע. ער האָט גענומען דעם וואַסער־טרעגער, אַ געפּראָרענער ייִד מיט אַ פּאַרקאָטשעטע בערדעלע, וואָס שטייט און ציילט די שטערן און געמאַכט אים פאַר אַ לעגענדאַרע געשטאַלט. ווילנע של מטה איז געוואָרן אַ דאַנק די קולבאַקס ווילנע של מעלה. אַ טאָג טעגלעכע רעאַליטעט וואָס איז געוואָרן לעגענדע.

דער וואַסערטרעגער ווען ער ציילט די שטערן, פאַרבינדט ער דעם מענטש מיט די הימלען, מיט די ווײַטסטע וועלטן.

קולבאַק וויל זאָגן: קאָן דער מענטש, אָדער דער ייִד, זײַן אײַנגעוואָרצלט אין לעבן, אין באָדן, איז דאָך דאָ אין זײַן לעבן עפּעס אידעאַלס, עפּעס צויבערדיקס. עפּעס לעגענדאַרישס. נישטאָ קיין גרענעץ צווישן רעאַליטעט און פאַנטאַסטיק.

בײַ אַלכּסנדר בלאָק גייען די צוועלף שליחים מיט צעווילדעוועטער רציחה און דאָך טראָגן זיי, נאָך זייער מיינונג, אַ הייליקע שליחות.

בײַ קולבאַקן אין זײַן ווערק: „בוניע און בערע אויפן שליאַך" קומען צו אונדז: „גראָבע ייִדן קוטשעראַווע, מיט די מעסערס אין כאַליאַווע". ממש, ווי בײַ אַלכּסנדר בלאָקן אין דער פּאָעמע „צוועלף", „זיי גייען אײַננעמען די וועלט — יונגען בראַווע". די חברה מיט די מעטערס

האָבן אויך אַ שליחות: „אײַנצעמען די וועלט". קולבאַקס יונגע, בראַווע, לעבן אין ווילדקייט און הייליקייט. זיי זענען רעאַלע פּערזאָנען, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט, אין פאַרלויף פון דער צײַט, אין לעגענדאַרע העלדן.

נח פאַנדרע איז דער העלד פון טויזנטער לעגענדעס פון פּשוטן מענטש.

קולבאַקס העלדן זענען פול מיט בלוט און פלייש פון רעאַלן לעבן. זיי שטייען מיטביידע פיס אויפן שליאַך, אויף דער באַריקאַדע, אויב אַפילו קולבאַק פאַרוואַנדלט זיי אין פאַנטאַסטישע פיגורן, וועלכע גיבן זיך אַ הייב איבער די ביימער אין וואַלד ביז צו די וואָלקנס. דאָס רעאַלע לעבן בײַם דיכטער ווערט באַגלייט דורך לירישע פּײַזאַזשן. אַזוי בײַ קולבאַקן. אַזוי בײַ לייוויקן. אַזוי בײַ מאַנגערן, און אוודאי אויך בײַ י. ל. פּרצן: אויב נישט נאָך העכער. איז גערעכט לייוויק ווען ער שרײַבט, אַז די לעגענדע איז געוואָרן אַ סטימולירנדיקער כּוח אין דער געשיכטע און אין דער ליטעראַטור. אַ כּוח וואָס האָט געווירקט. וואָס האָט באַאומרויִקט. משיח אין דער ליטעראַטור ווי אַ קינסטלערישער מאָטיוו העלפט זוכן רעוואָלוציאָנערע וועגן באַפרײַען די וועלט, אויסלייזן און אויפדעקן די גרויסע טראַגעדיע פון גאולה.

י. י. טרונקס משיח־געוויטער איז אָנגעפּראַפּט מיט דעם טראַגיזם פון משיח־געשטאַלט. אַ ראָמאַן פון דער שבתי צבי תּקופה. אין דער תּקופה האָבן ייִדן געלעבט, געטרוימט, געקעמפּט, געליטן מיטן גלויבן פון דער גאולה־געשטאַלט.

דער ייִדישער קיום האָט שטענדיק עקספּערעמענטירט. עקספּערעמענטירט ווײַל ער האָט געוואָלט בלײַבן לעבן. ער האָט אויך געמאַכט ריזיקע, טראַגישע עקספּערימענטן מיט משיחישע באַוועגונגען. נישט קיין סתּם קאַפּריז איז עס געווען. נאָר אַ געשיכטלעכער מוז, מתּוך ידיעה ומחשבה איז אויך דאָס געשטאַלט פון משיחן אַרויס פון חלום־רעם און אָנגעקומען צו רעאַליע, כּדי אויסהיטן ייִדיש לעבן.

אויך די קבלה האָט באַפרידיקט די נויטן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן מתּוך מחשבה און ידיעה, אַז דער עולם הניסתּר קאָן ראַטעווען.

דער משיח־געדאַנק איז דערקלערט געוואָרן ווי דער תּמצית פון ייִדישן קיום. די עמאַנציאַנעלע פאַקטאָרן פון ייִד אין גערangל פאַר קיום האָבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן דער שכלדיקער פילאָזאָפיע.

וואָס האָט באַדאַרפט אַ ייִד אין 1648 ? צי האָט ער געדאַרפט דעם רמב״ם מיט זײַן שכלדיקער פילאָזאָפיע ? ער האָט געדאַרפט דעם תהילים און נישט דעם רמב״ם. ער האָט געדאַרפט קבלה. ער האָט אַפילו געדאַרפט די פאַלשע באַוועגונגען פון משיחיזם. ביז זיי זענען ניט געוואָרן „פאַלשע״, זענען זיי געווען טיפע עמאָציאָנעלע פאַקטאָרן אין זייער לעבן.

אין 1648 האָט דער קרבן געדאַרפט האָבן אַ וועלט פון מענטשלעכע געפילן. פון עמאָציעס. אַ וועלט פון נחמה און ניט פון הלכה. דער שכל האָט פשוט ניט געשטימט מיט דער תקופה.

דער רמב״ם האָט געזאָגט : „נישט אַלע געפינען זיך אונטער דער געטלעכער השגחה״. האָט דער קרבן געפרעגט : און מײַן אומגעקומענע פרוי ? און מײַן אומגעקומען קינד ? און מײַן גאַנצע צעקוילעטע משפּחה ? פאַרוואָס זענען זיי ניט געווען אונטער דער געטלעכער השגחה ? „דער עיקר — זאָגט דער רמב״ם — איז וויסן און פאַרשן. דערגרונטעווען דעם תמצית פון אַלץ. דינען גאָט קען מען נאָר מיטן אינטעלעקט״. אָבער דער אַקטיווער אינטעלעקט נאָך 1648 האָט פאַרלאָרן זײַן כוח גבֿרא. אויך אין דער רמב״ם־תקופה — אין דער תקופה, ווי דער רמב״ם האָט געפאָדערט : „וויסן און פאָרשן״, זענען געווען די קרייץ־צוגן. אין 1215 ווערט אײַנגעפירט אַ ספּעציעלער סימן אויף די בגדים פון ייִדן. האָט זיך טאַקע דער ייִד צעבונטעוועט קעגן רמב״ם. דער ייִד האָט דערפילט אַז תפילה ברענגט דעם מענטשן נאָענטער צו גאָט. ווען די קבלה האָט זיך פאַרנומען מיט די אותיות, ווי אַזוי יעדער אות איז געבוירן געוואָרן, האָט דאָס אײַנגענומען דעם ייִד, ווײַל דער עולם הניסתּר פאַרמאָגט זײַנע וווּנדערלעכע לעגענדעס. און ווו ס׳איז דאָ לעגענדע, איז דאָ עמאָציע. און אין דעם האָט זיך געניייטיקט דער ייִד.

י. י. טרונק איז געקומען מיט זײַן „משיח־געוויטער״ אין דער ייִדישער ליטעראַטור כּדי צו זאָגן, אַז פון הינטער יעדן פּנים פון אַ ייִד, קוקן אַרויס אַ סך פּנימער. דורות פון שעפערישקייט און דורות וועלכע האָבן דערפירט צו ביטערע אויסוועגלאָזיקייטן. און אויך די ביטערע אויסוועגלאָזיקייטן האָבן געצונדן שעפערישקייטן.

און אין אַלע דורות — משיח.

ווי געזאָגט : די גאַנצע יצירה, די ייִדישע, איז פול מיט דער לעגענדע־געשטאַלט. אַ געשטאַלט וואָס האָט אָנגענומען אַ סך פאָרמען. דאָס משיח־

געשטאַלט איז דער הויפּט־געוועב פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע; דער ריטעם פון דער ייִדישער פאַנטאַזיע, דער גרעסטער סימבאָל. אין משיח־געוויטער פון י. י. טרונק זעען מיר אַ פאָלקס אמונה וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן ייִדישן סך־הכּל.

צוויי כּחות, זאָגט י. י. טרונק, ראַנגלען זיך אויף דער וועלט: גאָט און שטן. ליכט און שאָטן. דער אדם הקדמון — לויט טרונקן — קעגן אדם בליעל. דער קאַמף איז פון מעשה בראשית. דער קאַמף איז אויף אַלע שטחים, סײַ אויבן אויף די הימלען, סײַ אונטן, אויף די ערדן. סײַ אין די געשטאַלטן פון גײַסט, סײַ אין די געשטאַלטן פון מאַטעריע. צוויי הויפּט־געשטאַלטן ראַנגלען זיך אויף דעם גאַנצן געבײַ פון דער יצירה. דער אדם הקדמון און דער אדם בליעל שטייען זיך קעגנאיבער ווי ליכט און פינצ־טערניש, ווי ליבע און האַס, ווי שאַפונג און חורבן, ווי אַלדאָס־גוטע און אַלדאָס־בייזע. צוויי באַלעבאַטים פון דער וועלט — אייביקע בלוטיקע שונאים.

דערציילט אונדז י. י. טרונק אין „משיח־געוויטער" אַז דער אדם הקדמון איז כּסדר מבטיח, אַז מאָרגן מירצעשעם בלי נדר ובלי מסקנא וועט ער פּעוונע ברענגען משיחן. ווער איז משיח? אַ ייִד, אַן אָרעמאַן. אָט דער עני ואביון וועט פאַרטרײַבן דעם אדם בליעל אין שאול תחתית. ווען מ׳פרעגט דעם אדם הקדמון וווּ איז יעצט משיח? וווּ געפינט ער זיך? ענטפערט ער: דערווײַל זיצט ער געשמידט אין צוועלף קייטן, בײַ די טויערן פון רוים. אַרום אים, ווי אַ פּמליא של מעלה, זיצן אין שמאַטעס און אין טראַנטעס, די אָרחי־פּרחי פון עולם העשיה. אָבער דער אדם בליעל לאַכט און כיכיקעט: אַז עפּעס דאַרט אַ ייִד אַן אָרעמאַן זאָל אויסלייזן די וועלט.

פאַרשרײַבן איז אויף די בלעטער פון דער ייִדישער געשיכטע, אַז געזיגט האָט (אין חלום?) דער אדם הקדמון וועלכער וועט פאַרשלײַדערן דעם אָדם בליעל אין שאול תחתית, ווײַל ווייסן ווייסט דער ייִד, אַז אַרמילוס איז דער גרעסטער שונא ישראל. זײַן פאָטער איז דער „אדם בליעל" — אַן עבודה זרה פון שטיין.

אפשר האָט י. י. טרונק דערזען נביאיש וועגן זײַן העלד שבתי צבי זעט „ווי עס שלײַכט זיך אַרויס אַ פינצטערניש וואָס האָט דאָס געשטאַלט פון נחש־הקדמוני. דער שלאַנג וויקלט זיך אין אַן עיגול, און האַלט דעם

קאָפּ אין מויל... איבער די דעכער האָט געשפּאַנט דער שאָטן פון אדם בליעל״:

היטלער.

אין דער היטלער־תּקופה איז משיח ניט געקומען צו רײַטן אויף אַ בידנע אייזעלע. די ייִדישע ליטעראַטור קומט מיט טענות. מיט גערעכטע טענות.

די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי זאָגט עדות אין איר שיר, אַז דער מבשר פון משיחן איז אין געטאָ ניט געווען. ער איז אַנגעקומען פּסח צום סדר: „צי האָסטו דאָרט געהערט, אַ קינדס געלעכטער? / אַ קינד מיט בלאָנדע הערעלעך געשאָרן? / צי האָסטו זייער כּוס פאַרזוכט? / צי זענען דײַנע ליפּן ניט פאַרברענט געוואָרן?״... און וואָס קאָן בעטן אַ ייִדישע דיכטערין פון אליהו הנביא דעם מבשר וואָס איז ניט אָנגעקומען אין אַ סדר־נאַכט אין געטאָ צו זײַן מיט די ייִדישע קינדערלעך? איין בקשה: פאַרלעש מײַן לאָמפּ און מאַך מיר צו די אויגן״. אָבער די ייִדישע ליטעראַטור וועט קיינמאָל ניט פאַרמאַכן די אויגן צו דער משיח־געשטאַלט, צו דעם מבשר, ווײַל אויך אין שטורעם און אין שטילשווײַגעניש הערט זי דאָס קול.

דער ייִחוס, דער חן, דער תּוך פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איז דאָס אַקערן טיף אין משיח־מאָטיוו.

די משיח־אידייע איז געווען דער שטאַרקסטער כּוח אין ייִדישן לעבן.

איז טאָקע בײַ אורי צבי גרינבערגן ניט וויכטיק צי שבתי צבי און שלמה מולכו זענען געווען פאַלשע משיחים אָדער ניין. דער עיקר, בתכלית הפּשטות: משיח.

אורי צבי גרינבערג זינגט אַ לויב־געזאַנג צו שבתי צבי און שלמה מולכו, דעם ברודער פון פּאָרטוגאַל, ווײַל זיי זענען געקומען מיטן כּוח פון ייִדישע ווונדן אויסלייזן אַ פאָלק פון שפלות. אויסלייזן אים פון ישמאעלן און קלויסטערס. אין אורי צבי גרינבערגס פּאָעזיע איז ניט צעטיילבאַר: ישמעאל און קלויסטער. זיי האָבן איין צוועק: פאַרניכטן דעם ייִד.

שבתי צבי, אליבא דגרינבערג, האָט געזען די גאולה און שטרײַט פאַר גאולה בהקיץ ובחלום. ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע זענען איין כּוח און

נישט צוויי קעגנגעזעצטע כּוחות. זײַן געשטאַלט איז אויפגעפלאַקערט אין ליכט. ער איז געקומען אויסלעשן חשכות אין יידישן לעבן. איז בכלל ניט וויכטיק צי זיי זענען געווען משיחי־שקר אָדער משיחי־אמת. דער דראַנג צו גאולה האָט זיי ניט געגעבן קיין רו און מנוחה. זיי זענען געקומען צערײַסן דאָס שפלות־געמיט פון אַ פאַרפּײַניקט פאָלק.

בענקענישן נאָך משיח, בתכלית הפשטות. אין יענער תקופה האָבן די זון און די שטערן און די הימלען אָנגעזאָגט אַז שבתי צבי איז דער גואל. אַלע גימטריאות האָבן געוויזן אויף זײַן נאָמען און אים גערופן „משיח".

שבתי צבי האָט געוואָלט אַז די רשעותדיקע וועלט זאָל צעפאַלן אין שטויב. און די רשעותדיקע וועלט וועט צעפאַלן אין שטויב, ווען עס וועלן זיך פונאַנדערשאַלן די שופרות פון דער גאולה. קינד און קייט מוזן דערקענען דעם גואל ישראל, שבתי צבי, ער איז דער משיח נישט נאָר פון ייִד, נאָר פון דער וועלט.

בעצם, פרעגט אורי צבי גרינבערג, וואָס האָט געוואָלט שבתי צבי? ער האָט געוואָלט אַראָפּנעמען די קרוינען פון אַלע גוייִשע קיסרים און אָנטאָן דעם ייִד דעם כּתר מלכות, און צונעמען דאָס גאָלד פון די גוייִשע אוצרות און אויסנוצן דאָס געלט לצרכי גאולה. שבתי צבי, זינגט אורי צבי; האָט אָנגעצונדן נײַע יסודות פון ייִדנטום נאָך די כמיעלניצקי־פּאָגראָמען. אַפילו ווען ער האָט אָנגעטאָן דעם טערקישן תּרבוש, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך טיגערישן ווײ, און ווען ער איז געלעגן אויף אַ געלעגער בײַ די טערקן, איז ער געווען אַ צעשניטענער אויף צוויי: אייבער אַ משיח און אייבער — אַ מאַכמעד, און ער, דער העברעיִש־ייִדישער דיכטער, איז גרייט צו זײַן זײַן דיכטער אויך ווען ער ליגט אין אַ טערקיש בעטל. אמת טאַקע: אַ נײַגעבאַרענער עפענדי, אָבער אין זײַנע בלוטן האָט געבריט דער ווילן צו מלכות ישראל.

מישט מען אויף קאַפּיטלעך פון יענער תקופה, זעען מיר ייִדן, פּליטים פון די ת״ח און ת״ט הריגות אין אוקראַינע און פוילן, וואָס ווערן געבראַכט דורך די טאַטערן כּדי צו פאַרקויפן זיי אויף די שקלאַפן־מערק. די אָרעמעלײַט וואָס זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל זענען אויסגעשטאָרבן אויף די וועגן, און זענען צומאָל ניט געקומען צו קבר ישראל.

אומעטום זענען אָבער פאַראַן מענטשן וואָס זענען אויסגעשטאַנען

אַלע צרות און פּאַרט געבליבן לעבן. און די לעבן־געבליבענע גלייבן אין די טיפן אַז דער צעשניטענער שבתי צבי איז דער משיח. מיט זיי — אורי צבי גרינבערג. זעט אורי צבי דעם קרבן שבתי צבי, ווי ער שטייט אויף האַלבע נעכט אויף ווי אַ טערקישער עפענדי און האַלט אין די הענט דעם נישט־געקרוינטן מלכות־קאַפּ, אַ צעבראָכנט מעטאַל, וועלכער האָט אָנגעצונדן די וועלדער אין מדינות פון די סלאַוון. זאָגט אורי צבי, אַז ייִדן האָבן דאָך אָנגעהויבן יום טובן ווען זייַן ליכטיקע געשטאַלט איז אָנגעקומען, און ווען שבתי צבי האָט אָנגעטאָן דאָס טערקישע מיצל זענען ייִדן ווידער טרויעריק געוואָרן און — פונדאַסנייַ אַלע ווייטיקן און זאָרגן.

אורי צבי אין זייַן פּאָעמע „מלך שבתי צבי" איז קעגן די וואָס האָבן אים געלעסטערט. ייִדישע ליפּן האָבן ווייַטער געציטערט און געשעפּטשעט: גאולה.

די לעגענדע איז שטאַרקער פון דער רעאַליע. אומעטום ברענגט די לעגענדע אליהו הנביאן, וואָס האָט זיך געפונען צווישן די פּליטים פון כמיעלניצקיס צייַטן, צווישן זייערע הייַזער און מיסט־הויפנס און האָט געבראַכט נחמה. אליהו הנביא איז ניט געווען צווישן די לעסטערער פון שבתי צבי.

ייִדן האָבן געגלייבט, און דעם גלויבן האָט מען פון זיי ניט געקאָנט צונעמען, אַז דער שיקוץ אויפן הר הבית איז פאַרזונקען — אַזוי דערציילן דאָך די ידיעות פון ארץ־ישראל. אַז דער שער הרחמים אין ירושלים האָט זיך אויפגעפּראַלט. שטייען דאָרט די ישמעאלים מיט שרעק און קוקן אויס דעם ביאַת־המשיח, און די עשרת השבטים קומען אָן נוקם ונוטר זייַן אין די שונאים פון ייִדן.

דער דיכטער זאָגט אַז שבתי צבי'ס לייַב איז געווען מלכותדיק, ווי אַלע משיחישע גופים אין אונדזער פאַרשפּרייטונג. אַזוי ווי בר־גיוראס געביין איז מלכותדיק אַזוי איז מלכותדיק אויך דוד הראובני, דער פירשט פון חיבר.

זאָגט אורי צבי גרינבערג קלאָר און פּשוט: „כ'צינד אין ייִדיש געזאַנג, אין משיחיש געזאַנג אַ שי"ן אַ געקרוינטע און אַ צדי"ק געקרוינט: שבתי צבי, דו אונדזער אַלעמענס אין אַפּגרונט־געפאַלענער קיסר, ביסט מיר אין דייַן פאַל ביז די טערקן אויף דער האַלבער לבנה ווי דער פאַל אויף אַ סערפּ — — —" אַ לויב צו דייַן מאַמען, זאָגט דער דיכטער, וואָס האָט

דיך געבוירן, צו דעם מויל וואָס האָט איבערגעגעבן דעם סוד פון דיין לייב". וואָס איז בעצם געווען זיין חטא? ער האָט געוואָלט צונעמען ביים סולטאַן די קרוין. אָבער מיט זיין ווילן האָט ער אָנגעצונדן דעם משיחישן מולד אין אַלע פינצטערע יידישע ברינעמער, אין אַלע יידישע וואָלקנס.

אַ פּאָלק מעג מוחל זיין די זינד וואָס ער איז דאָרט כורעים געפאַלן דעם סולטאַן צופוסנס. אויב אַפילו ער האָט ניט געבראַכט דעם נס, האָט ער מקדש השם געווען. „און דאָס וואָס איך שרייב דיר צו לויב, איז אַקעגן דעם דין און דיקטאַט פונעם פאָלק". ווייל שבתי צבי איז געווען אַן עמוד אש, ער איז געווען דער סנה אין דעם מדבר פון אונדזער פאַרשפּרייטונג, אויב אַפילו שקיעה איז געשטאַנען צוקאָפּנס. „אַהער מיינע דינער? קלייבט זיי די בלוטיקע שטיקער פלייש פון משיח און טראָגט זיי אַרויס צו דער יידישער קהילה אין גאַס".

בתכלית הפשטות: אַ פאַלשער משיח, אָבער דאָך אַ משיח. אַ משיח וואָס האָט אונטערגעצונדן דעם יידישן תשעה־באב...

עס ווילט זיך עולה לגדולה זיין. דאָס קאָן זיין באַשערט נאָר דורך אַ גואל. אַ גואל וואָס אין אים לעבן אַלע נקמה־געפילן. אַ גואל וואָס אין אים לעבט דער חשבון פון יידישע דורות, פון אַלע וועגן וועלכע פירן צו גאולה, אויך צו די צפתער מקובלים. אַ גואל וואָס פירט קיין ירושלים. און עס זענען פאַראַן יידן, איז גורס דער דיכטער, וואָס האָבן מורא פאַר משיחן, ווייל ער וועט מאַכן אַ תל־עולם פון מסחר. קעגן זיי — זיין שטראָף־וואָרט, זיין תוכחה.

מיר זעען דעם דיכטער אין זיין פּאָעמע „שבתי צבי דער מלך" ווי דער גרויסער פּאַרטייִדיקער פון „טערקישן עפענדי". ער איז ניט געווען קיין מטורף. ער האָט ניט געוואָלט זיין אייַנגעשרומפּן אין דעם שלאַבערדיקן ווילן פון פאָלק נאָך גאולה. אַ גואל וועלכער האָט געזען צום אַלעם ערשטן ירושלימער לאַנדשאַפטן און זיי געקענט ווי קאַפּיטלעך פון תנ"ך. ער האָט געזען ירושלימער לאַנדשאַפטן מיט מדרש און זוהר, מיט פשט און מיט סוד. ער האָט געזען ירושלים של מעלה און ירושלים של מטה אין איר פראַכט און אין איר גלאַנץ. דער גאָלדענער אומעט וואָס שוועבט איבער ירושלים איז דער זיפץ פון כביכול וואָס זיצט ווי אַן אבל אויף זיין כסא הכבוד און הערט נישט אויף צו טרויערן אויפן חורבן ירושלים און אויף גלות השכינה.

שבתי צבי, אַליבאַ דאורי צבי, איז געלעגן פאַר דעם גואלס פיס ווי אַ צעטרעטענע בלום. אין ירושלים וועט געקרוינט ווערן משיח און ער וועט אָנקומען אַהין, משיח קומט אָן פון די ווײַטקייטן. ירושלים שמייכלט צו אים אין איר אומעט. ירושלים רופט: שבתי! משיח!

בתכלית הפשטות — „ווי זון איז, אַזוי איז געקומען משיח".

אויך צו דעם ברודער פון פּאָרטוגאַל, צו שלמה מולכו, זינגט דער דיכטער אַ הימן. ער וויל מיט אים גיין צוזאַמען, ביידע צעשטראַלט. ביידע האָבן איין משיחישע זעונג. שלמה מולכו און אורי צבי גרינבערג קלעטערן אויפן זעלבן לייטער, אין די הימלען אַרײַן. „שלמה מײַן ברודער און פרײַנד, ס'וועלן יידן נישט לאָזן דיך גיין מיט די לייטערס אין הימלען". אַ תוכחה דעם פאָלק: „זייער מלכות איז דאָרט נישט געווען און דאָרט וועט נישט זײַן זייער מלכות". דער דיכטער וויל צוזאַמען מיט שלמה מולכו לעבן און שטראַלן אויף לאַנגע יאָרן אינעם פאָלק — „איך וועל זאָגן אַ שיר און דו וועסט אים שפּילן אויף סטרונעס".

דער דיכטער קומט אָן צו היסטאָרישע תקופות, צו יודפת, צו גוש חלב, צו יענע דורות וואָס האָבן געפלאַקערט מיט אַלע צאַפּלענישן פון גאולה. און אויב דער דיכטער קאָן ניט גיין זײַן גאַנג מיט שלמה מולכו איז עס נאָר דערפאַר ווײַל ער איז געבוירן געוואָרן פאַרשפּעטיקט און שלמה איז געוואָרן פאַרברענט אויפן שײַטער אין פּאָרטוגאַל. נאָר ער, דער דיכטער, איז לעבן געבליבן כּדי צו זינגען אַ לויב־געזאַנג זײַן ברודער שלמה מולכו.

„פאַראַן נעכט און איך ווער נישט אַנטשלאָפן און טעג ווען איך פיל, אַז איך בין גוואַלדיק אַליין אין דער וועלט: ווײַל מיט מיר איז נישטאָ דאָ מײַן ברודער".

נאָכאַמאָל: פּשוטע קלאָרע ווערטער: — משיח. און נישט וויכטיק וואָס דאָס פאָלק האָט געפּסקנט. ירושלים האָט געשמייכלט אין איר אומעט צו שבתי צבי, צו דוד הראובני, צו שלמה מולכו. די קליפּה אויף דער וועלט פאַרשטעלט דעם וועג צו דער איבערגעבליבענער וואַנט פון בית המקדש, פון היינטער ווערלכער כביכול האָט נישט אָפּגעטרעטן זינט דעם חורבן ירושלים. דער ייִד שטייט דורות מיט דער לעגענדע משיח כּעני בפתח, ווי אַן אָרעמאַן בײַ דער טיר, און קוקט אויס דעם גואל.

ה. לייוויק און אַנדערע ייִדישע דיכטער, מיט זיי דאָס פאָלק, האָבן

געזעץ משיחן צווישן די אָרעמע לײַט בײַ די טויערן פון רויס. צווישן זיי זיצט משיח און וואַרט מ׳זאָל אים רופן. די אָרעמע לײַט זענען די צעבראָכענע געפעסן פון דער וועלט. אומעטום ווו עס זיצן אָרעמעלייט זיצט אויך משיח. אומעטום אויף דער וועלט שטייען בײדע זה לעומת זה, — דער כותל מערבי און די טויערן פון רוים. אומעטום וואַרט משיח צווישן די אָרחי־פּרחי פון די פעלקער.

שבתי צבי, דוד הראובני, מולכו זענען אָנגעקומען צו די אָרעמע לײַט און אין זייערע הענט די קרוין פון מלכות ישראל. פאַר דער גאולה, טענהט לייוויק, מוזן צעריסן ווערן די צוועלף קייטן פון ארמילוס הרשע. משיח בן יוסף האָט גענומען אויף זיך אַזאַ פליכט, אַ פליכט אַז די נוצרישע און ישמעאלישע תיפלות וואָס קלינגען איבער ירושלים מוזן פאַרשטומט ווערן.

די גלאָקן הערן נישט אויף צו קלינגען. שבתי צבי איז געגאַנגען קיין בית לחם. לעגענדעס קרײַזן אַרום ווי לעבעדיקע פיגורן. דאָ האָט ער זיך געטראָפן מיט דער האַרציקער מאַמע פון פאָלק ישראל, וועלכע ליגט אינמיטן אויף אַ שייד־וועג. דער גורל פון ייִדן ליגט אויך תמיד אויף אַ שייד־וועג.

קול ברמה נשמע, רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם. די מאַמע רחל וויינט אויפן שייד־וועג צווישן ירושלים און בית לחם. זי קאָן זיך נישט טרייסטן. איז אָנגעקומען שבתי צבי, מיט אים דער פּרינץ פון חיבר און דיעגאָ פירעס — הוא: שלמה מולכו, און האָבן צוגעזאָגט דער מאַמע רחל אַז זיי זענען געקומען טרייסטן דאָס פאָלק און אויסלייזן אים. אורי צבי גרינבערג זינגט זיי אַ לויב־געזאַנג מיט דער לעגענדע, און מיט אַלע לעגענדעס פון גאולה איז נאָכגעגאַנגען דער שרײַבער, דער דיכטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אורי צבי גרינבערג, דער ייִדישער דיכטער האָט געגלייבט אַז דער עולם הניסתר קאָן ראַטעווען, אַז דער משיח־געדאַנק — צי אַן אמתער, צי אַ פאַלשער, איז דער תמצית פון ייִדישן קיום.

די קבלה האָט געבראַכט נײַע מחשבות און נײַע לעגענדעס פון משיח־געשטאַלט. די קבלה האָט אײַנגעריסן די מחיצה צווישן שכל, וואָס איז געבונדן צו אָרדענונג, און צווישן דער פאַנטאַזיע וואָס פליט אין דער לופטן, אַזוי אַז זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן און זענען געוואָרן איינס. און אויב אַפילו זיי זענען געוואָרן איינס, האָט די פאַנטאַזיע געהאָט די

אויבערהאַנט און האָט געפּירט דעם ייִד צו פאַרבאַרגענישן, צו הימלען. די קבלה האָט אַנטוויקלט די שיטה פון די צען ספירות, די געטלעכע שטראַלן וועלכע זענען משפיע אויף גאָר דעם באַשאַף, און בלאָזן אַרײַן אַ לעבנס־גײַסט אין חומר.

די קבלה האָט געבראַכט דעם ייִד צו דער פּמליא של מעלה, צום כּסא הכּבוד, צו אַלע ממונים אויף די סודותדיקע פּלאַצן. זי האָט משיחן געזען אין אַ סודותדיקן פּאַלאַץ. די פאַרבאָרגענע וועלט איז געוואָרן קדוש. אַרום דער קדושה שפּרינגען אַרום כּוחות פון טומאה, פון שדים. אָבער עס זענען דאָ פאַרבאָרגענע קאַנאַלן („צנורות") וואָס פאַרבינדן די אייבערשטע אמתע וועלט (עלמא דקישוט) מיט דער וועלט אויף וועלכער מיר לעבן און עטעמען.

דער „ספר הזוהר" איז געווען די הייליקע תורה פון דער קבלה.

די חכמה נסתרת איז געווען אַ תורה וואָס איז געווען באַשטימט נאָר פאַר גרויסע מבינים, פאַר יודעי ח"ן (ח"ן איז די ראשי תיבות פון „חכמה נסתרה", פאַרבאָרגענע חכמה). די טעאָרעטישע קבלה (קבלה עיונית) איז געוואָרן אַ טייל פון ייִדישן גײַסטיקן אייגנס. זי איז געווען אַ מין „איבער־וויסנשאַפטלעכע וויסנשאַפט".

ווען די אומגליקלעכע פאַרטריבענע פון שפּאַניע זענען אָנגעקומען קיין טערקײַ און ארץ־ישראל, האָט זיך די רעליגיעזע מיסטיק צונויפגעהעפט מיטן באַגײַסטערטן באַצאַנאַלן געפּיל און עס איז אַרויסגעקומען אַ נײַע תורה: אַז תשובה און תפילה, פּײַניקונג פון גוף און אַסקעטיזם (פּרישות), זענען מיטלען אויסצוקויפן די זינד פון פאָלק און מקרב צו זײַן די גאולה. אַ תורה פון גלגולים און דיבוקים, אומרײַנע רוחות און קליפּות, שדים און מלאכי חבלה. אַ טרויעריקע, פאַראומערטע תורה. דער רעזולטאַט פון דער שווערער מרה שחורה וואָס האָט גענעסטעט טיף אין די הערצער פון די ייִדן. די דאָזיקע נײַע תורה, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין ארץ־ישראל, אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט (די שיטה פון אר"י, ר' חיים וויטאַל) ווערט אָנגערופן: פּראַקטישע קבלה (קבלה מעשית), אַנטקעגן דער פריִערדיקער טעאָרעטישער קבלה. בעת די טעאָרעטישע קבלה האָט געזוכט צו אַנטפּלעקן דעם סוד, ווי אַזוי די אייבערשטע וועלט איז משפיע אויף דער אונטערשטער, האָט די פּראַקטישע קבלה געזוכט

וועגן, ווי אַזוי משפּיע צו זײַן אויף דער אייבערשטער וועלט דורך גזירות, דורך פּײַניקן דעם גוף, רעשיקער תּפֿילה.

די צוויי עיקרים פון דער נײַער תּורה זענען געווען: מתקן זײַן דעם יחידס נשמה און אויסלייזן די אומה.

אַן אינטענסיווער קוק אויף משיחס קומען און נישט נאָך אַן אויסקוק אַליין, נײַערט אויך פּרווון, „דוחק צו זײַן דעם קץ", פֿאַרגיכערן די גאולה דורך מיסטישע „סגולות". די דאָזיקע תּורה האָט צוגעגרייט דעם פּלאַץ פֿאַר יענע משיחישע באַוועגונגען וואָס האָבן אַזוי שטאַרק אויפגעטרייסלט די ייִדישע מאַסע אין 17־טן און 18־טן י"ה.

איינער פון די קבלה־געשטאַלטן איז געווען ר' יוסף דילה ריינה.

יוסף דילה ריינה — אַ לעגענדאַרער מקובל, געלעבט אין שפּאַניע אין דער 2־טער העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט. ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט קבלה מעשית (פּראַקטישער קבלה, באַוויזן מופתים דורך שמות), געוואָלט באַזיגן דעם שטן און ברענגען משיח; וועגן אים איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע אַז דורכפֿאַלנדיק אין זײַן באַמיִונג, איז ער געוואָרן אַ כופר, און נאָכן טויט איז ער מגולגל געוואָרן אין אַ שוואַרצן הונט; די „מעשה ברבי יוסף דילה ריינה", איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין 17־טן י"ה דורך שלמה נאַוואַרי פון ירושלים.

פֿאַראַן היסטאָריקער וואָס לייקענען אָפּ, אַז אין דער צײַט פון אר"י. רבי יצחק לוריא, איז ער געווען אין ארץ־ישראל און געוווינט אין צפת.

י. י. טרונק אין זײַן בוך „קוואַלן און ביימער" פֿאַרנעמט זיך מיט דעם מקובל. אַ מקובל, אַליבאַ י. י. טרונק, וואָס האָט געוואָלט מיט די נעגל אַרויסקראַצן די סודות פון דער מעשה מרכבה. די ייִדישע וועלט איז גאָרנישט געווינט געווען צו אַזעלכע ייִדן.

אַ צעקאָטעוועטער, צעבלוטיקטער מקובל, וואָס הערט נישט אויף צו יאָמערן: „נצח ישראל". אַ ייִד מיט אַ פּאָר ווילדע צעיושעטע אויגן פֿאַרמעסט זיך דורך קבלה־מעשית אַראָפּברענגען משיחן.

איבער צפת, האָט זיך צעשריגן דער מקובל יוסף דילה רינה, ווייַנט די מטרוניתא און ער וויל איר העלפֿן. אפשר מיט די צירופֿים פון די צוויי און זיבעציק אותיות פון העכסטן נאָמען. ער האָט געוואָלט באַהעפֿטן די אותיות אין גרויסן „זיווג". די שכינה איז אַ וואָרקנדיקע טויב, זי איז אין געפֿענקעניש און מ'דאַרף זי באַפֿרײַען.

מיט וועלכע כוחות דערגרייכט מען צו די עולמות עליונים, צו די שרפים און חיות־קודש? אויף דעם געבוי פון די צוויי און זיבעציק אותיות האלטן זיך די אייבערשטע און אונטערשטע וועלטן.

צו אליהו הנביאן האט ער געטענהט (די לעגענדע אן אליהו הנביאן קאן ניט לעבן), אז... „איידער צו זען דעם צער פון דער שכינה — וויל איך זיך ליבערשט אויפהענגען אויף א בוים".

די קבלה דערציילט אז דעם כביכול אליין איז ניט געראטן אויפצובויען די צוויי און זיבעציק אותיות. די געפעסן זענען שטענדיק צעבראכן געווארן פון דער שפע פון דער מחשבה פון דער יצירה.

צפת, דערציילן די היסטאריקער, און די לעגענדעס העלפן זיי צו, האט געטריפט מיטן סוד פון זוהר הקדוש. יידן האבן זיך אוועקגעזעצט לעם פר־פעטשיק און עקשנותדיק געמאכט צירופים על צירופים אויפבויען דעם „אחד". יידן האבן אין צפת געזוכט דעם סוד פון דער יצירה. א זוכעניש וואס האט ניט געלאזט צורו. מען האט ארונטערגעקוקט הינטערן „פרגוד". און הינטערן פרגוד — טויזנטער סודות. א סוד אויף א סוד. לעגענדעס דערציילן, אז אליהו אליין האט געוואלט גיין אין חדר אריין צו די אלכעמיקער, צו די מקובלים...

דער צפתער מסגף יוסף דילה ריינה האט מיט די צירופים יעדן טאג געגלייבט אז ער איז נאענט שוין צום סוד פון דער יצירה. אז ער איז אויף די שטאפלען צו די עולמות עליונים. ער האט אפילו איינגעלאדן אליהו הנביאן ער זאל ארונטערקוקן פון הינטערן „פרגוד"... יוסף דילה ריינה האט געזען ווי קעגן זיינע צוויי און זיבעציק אותיות — דער יסוד פון קדושה, רייסן זיך אריין אנדערע צוויי און זיבעציק אותיות — דער יסוד פון טומאה. דער סמך־מם האט עפעס וואס צו זאגן אויף דער וועלט. אויך ער רוט ניט. די זומפן הינטער צפת זענען באקלעפט מיט שדים ווי מיט זלידנע פליגן. דארטן זיצט א פרוי, איר נאמען איז לילית, זי קעמט דארט אירע רויטע קאלטענעס ביי א צעבראכן שפיגעלע...

אליהו הנביא האט דערציילט אויף יענער וועלט, אז א ייד א מקובל האט ביי אים אויסגענארט דעם סוד און מ'האט אליהון אראפגעשיקט אויפן עולם השפל ער זאל פארריכטן זיין גרייז און צונישט מאכן דעם סוד.

די לעגענדע דערציילט. אליבא ד'. י. טרונק, אז אליהו הנביא האט געטראפן יוסף דילה ריינה, אויף זיין שויס איז געלעגן אויסגעשפרייט א

פאַרמעט, דאָרט זענען געשטאַנען אויפגעשריבן די צוויי און זיבעציק אותיות. ער חשבונט, מעקט און שרײַבט און דער וועלט־חשבון שטימט ניט. האָט זיך געבעטן אליהו הנביא מיט מידת הרחמים: יוסף דילה ריינה, האַק אָפּ. אָבער אונדזער מקובל האָט געענטפערט קלאָר און דײַטלעך: די שכינה אין צפת איז אין געפענקעניש און ער וועט זי באַפרײַען. דער נחש הקדמוני געפינט זיך אין צפת און טוט זײַן טמאדיקע מלאכה. ער מאַכט דעם „זוהר" פאַר אַ חוזק.

ס'האָבן נישט געהאָלפן אליהו הנביאס בעטן. דער אדם בליעל וואָס געפינט זיך אין צפת וועט אים ניט פאַרשאַכערן. מאוימדיקע זאַכן טוען זיך אָפּ אויף דער וועלט און משיח קאָן דערווײַל ניט רירן מיט קיין פינגער. די לאַגע פון יידן איז אַ געפערלעכע: אין צרפת טרײַבט מען זיי ווי אַ פאַרלאָזענע סטאַדע. אין ספרד ברענט מען זיי אויף שײַטער־הויפנס און מען גרייט זיך צו אַ נײַעם גירוש. עס וועט ניט איבערבלײַבן קיין שריד ופליט פון דער כּנסת ישראל אויב מען וועט דאָ אויפן עולם התחתון נישט נעמען די לייצעס אין דער האַנט אַרײַן און באַפרײַען משיחן פון זײַנע קייטן. יוסף דילה ריינה האָט דערציילט אליהו הנביאן ווי עס שטייט איצט מיט יידן אויף דער וועלט. אין דער פמליא של מעלה מאַכט מען צו לאַנגע צערעמאָניעס און עס וועט ווערן צו שפּעט. האָט ער ווײַטער צעעפנט דאָס זעקל מיט שמות און צירופים און נישט געוואָלט הערן אליהו הנביאס געבעט: האַק אָפּ.

יוסף דילה ריינה האָט זיך אויסגעלערנט אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף יענער וועלט. צוויי מלאכים האָט דער גרויסער סוד פון דער יצירה אַראָפּגעשיקט כּדי די וועלט מחזיר למוטב זײַן. אָבער די מלאכים האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף די שיינע מענטשלעכע טעכטער און די מלאכים האָבן אָנגעפלאָדיעט מיט זיי אַ וועלט מיט קליפּות. יוסף דילה ריינה האָט געשריגן: מ'טאָר ניט וואַרטן!

אליהו הנביא, דערציילט די לעגענדע, האָט אויסגעזאָגט יוסף דילה ריינה אַ סוד, אַז אויסער די צירופים איז דאָ אַ קייט און אויף דער קייט איז אויסגעקריצט דער „שם המפורש".

מיט דער הילף פון די צירופים און דעם שם המפורש וועסטו אָנקומען צו די הררי קדם. אין די פינצטערנישן דאָרטן וואַיען און בילן היינט. דאָרט וועט דיר אַנטקעגנקומען אַ שוואַרצער הונט, גרויס און מורא'דיק

אין געשטאַלט. דער שוואַרצער כּלב וועט זיך אויף דיר וואַרפן און דיך וועלן צערײַסן אויף שטיקער. שרעק זיך ניט. נעם די קייט מיטן „שם המפורש" און וואַרף אויף אים אַרויף, די הייליקע קייט וועט זיך איבער אים אַרומוויקלען און ער וועט בלײַבן ליגן אַ געבונדענער. דער כּלב איז אַליין דער ימח שמו, סמאל הרשע, דער אדם הקדמון פון אַלעם שלעכטן. זײַ נאָר גוט מכוון די כּוונות און ייחודים.

יוסף דילה ריינה האָט גענומען דאָס שטיקל פּאַרמעט מיט אויפֿגעשריבענע ייחודים. אין פּאַרמעט איז געווען פאַרשריבן ער זאָל מיטנעמען אַ חלף מיט פּגימות און שנײַדן דעם בעל־דבר איבערן גאָרגל. האָב נישט קיין רחמנות אויפן שלעכטן. גיב אים נישט צו שמעקן פון קטורת. און אויב דו וועסט אַזוי טאָן וועסטו ברענגען משיחן פאַר דער כּנסת ישראל.

יוסף דילה ריינה האָט דאַן געזען צפת, בלאָס באַלויכטן אין דער שײַן פון דער לבנה. פון אַלע פענצטער האָט זיך געהערט דער זיסער זינג־זאַנג פון תורה. ער האָט מצרף געווען די ריכטיקע צירופים און ייחודים און פּלוצלינג איז אָנגעקומען צו לויפן אַ שוואַרצער הונט און געוואַלט אויפן מקובל אַרויפשפּרינגען. ער האָט אַרויסגענומען דעם חלף מיט פּגימות און דער מוראדיקער הונט וואָס האָט אַזוי שטאַרק געבילט איז געוואָרן אײַנגעלייגט ווי אַ לעמעלע. ער האָט גערעדט אויף לשון קודש, אויף ייִדיש־טײַטש, אויף לאַדינאָ און אויף ענלעכע לשונות, וואָס ייִדן רעדן אין די תפוצות.

דער שוואַצער הונט האָט דערציילט יוסף דילה ריינה אַז ס'איז דאָ אַ גופישע רײַכע וועלט, אַ וועלט פון גלוסטעגישן און תענוגים, אַ וועלט פון ווײַבער, אַ וועלט פון בתולות און אויב ער וויל, וועט ער אים אַפילו ברענגען די באַרימטע שיינהייט: לילית. דו, יוסף דילה ריינה פּאַרמאַגסט דעם שענסטן גוף פון מאַנסביל און לילית וועט דיך אויפנעמען מיט גרויס פּאַראַד. זײַ וויסן, יוסף, אַז איין פּיצעלע עולם הזה וועגט איבער דעם גאַנצן האַרמידער מיט העכערע השגות. אַלע צירופים און ייחודים זענען גאַלע אויסדרוכטעניש. עס עקזיסטירט בלויז דער גוף און דער חומר.

עס דוכט זיך נאָר אויס, יוסף, אַז ס'איז דאָ אַ משיח בײַ די טויערן פון רוים, און ס'איז דאָ אַ שכינה אין צפת. ס'איז איין אויסדרוכטעניש. איר פּײַניקט זיך, בעבעך, אומזיסט פאַר זאַכן וואָס זענען נישט מער ווי שאָטנס.

די תענוגים וואָס לילית וועט אײַך געבן שטײַגן אַריבער אַלע מרכבות און ספירות.

זײַ נישט קיין אַכזר. האָט דער שוואַרצער הונט געדעדט צו יוסף דילה ריינה. איך וויל נישט זאָגן קיין וידוי אין מײַן לעצטער שעה. גיב מיר כאָטש אַ שמעק צו טאָן צו דעם שמעק־טאַבאַק דאָרט, וואָס איר האָט אין אײַער פּאַפּירל.

אין יוסף דילה ריינה'ס מוח האָט זיך שוין געדרייט לילית לײַב מיט די תענוגים... ער האָט רחמנות באַקומען אויף דעם שוואַרצן הונט און האָט אים געגעבן אַ שמעק טאָן פון די בשמים וועלכע האָבן זיך געפונען אין זײַן פּאַפּירל.

יוסף דילה ריינה האָט פאַרלאָרן די חושים.

ווען ער האָט געעפנט זײַנע אויגן האָט ער דערזען, אַז ער שטייט הינטער אַ קליין אָרעם יידיש שטעטעלע. ס'איז געווען אין דער מדינה פּוילן. אַ שטעטעלע מיט אָרעמע ייִדן. ער איז אַוועקגעגאַנגען אין בית המדרש אַרײַן, צוגעגאַנגען צום ספרים־אַלמער און דאָרט געזוכט דעם „זוהר״.

ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן האָט ער געזען די מטרוניתא לילית, אין אַ חופּה־קלייד פון סאַמע עקדישן און שלאַנגען. ער האָט געזען די אונטערפירער צום זיווג פון דער טומאה. ער האָט געהערט ניבול פּה און שירי עגבים.

לילית האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן, אים אַ קוש געטאָן. דער קוש איז געווען זיסער ווי האָניק.

יוסף דילה ריינה האָט אויפגעריסן די אויגן: ער גייט אָנגעטאָן אין בגדי שבת ויום טוב און שטייט מיט לילית אונטער אַ חופּה. די מטרוניתא פון דער קליפּה האָט צו אים אויסגעשטרעקט אַ פינגער. ער האָט זי מקדש געווען כדת משה וישראל. די לופטן זענען דערציטערט געוואָרן פון די געשרייען „מזל טוב״.

אַזאַ איז די „היסטאָרישע דערציילונג יוסף דילה ריינה״ פון י. י. טרונק.

דער חומר, דער גוף האָט מנצח געווען אַלע יחודים און צירופים. משיח איז ווײַטער פאַרבליבן הינטערן פּרגוד.

י. י. טרונק דערציילט ניט די לעגענדע, אַז יוסף דילה ריינה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוואַרצן הונט.

י. י. טרונק האָט געלעבט מיטן משיח־געוויטער. אַ שרײַבער וועלכער האָט אין זײַן שאַפן מיטגעמאַכט אַלע נסיונות פון ייִדישער גײַסטיקייט. געזוכט דעם סוד פון קיום פון פוילישן ייִד. אפשר אין די טיפסטע טיפעניש איז די לעגענדע משיח פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעאַליטעט. סוף כל סוף רעדט דאָך די לעגענדע פון באחרית הימים און זי געהערט צו די גרויסע היסטאָרישע וואַגענישן. אַ לעגענדע וואָס געהערט צום וועלט־גאַנג. י. י. טרונק איז געשטאַנען מיטביידע פיס אין דער לאַנדשאַפט פון פוילישן ייִד. די משיח־לעגענדע איז געווען אַ טייל פון דער לאַנדשאַפט.

ער האָט געגנוזטעוועט אין היסטאָרישע פּייזאַזשן. צום אַלעם ערשטן: ייִדישע געשיכטע. ייִדישע סימבאָליק. ברויזנדיקע און שעפערישע תקופות אין דער ייִדישער געשיכטע האָבן פאַרנומען זײַן יצירה־כּוח. י. י. טרונק, זעט אויס, האָט געגלייבט, אַז אויך נאָכדעם ווי די פאַלשע משיחים האָבן טראַגיש געענדיקט זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייער דור, זענען זיי פאַרבליבן מיט אַלע בענקענישן נאָך אַ משיח־געוויטער. די „היסטאָרישע דערציילונג יוסף דילה ריינה" איז אַן עדות.

אהרון צייטלין איז דער גרויסער מתפּלל אין דער ייִדישער ליטעראַטור. תפילה, פון וועלכער עס ענטפערן דורות פון מיסטיקער, פון קעמפער, דורות פון עצבות און פון פרייד. ייִדישער ניגון אין אַלע גלגולים. אַ ניגון פון דער געוועזענער וואַרשע, וועלכע האָט איר יניקה געזויגן פון טויזנט יאָר ייִדיש לעבן. מיט ייִדישע מקובלים און משיחים גייט ער אום, ווי מיט חברים, נאָענטע, האַרציקע, ווײַל נישט וויכטיק איז שטח, מרחק. מיר זענען אַלע אָנגעקניפּט צו דעם אָנהייב, צו דעם המשך פון ייִדישע דורות, ווי אין זײַן יוסף דילה ריינה:

„ס'איז אין מדבר געוואָרן נתגלה / די תורה, די כּלה / אין פײַער האָט גאָט זיך געקליידט / און אין מדבר געערדט זײַנע רייד / ווערן מחיצות דאָ דין און דינער / דער וועג איז דאָ נאָענט / פון ליכט צו ליכט / פון צינור צו צינור".

נישט נאָר אויף די צען מקובלים איז דאָס געזאָגט געוואָרן, נאָר

אויף ייִדישע דורות, געקניפּטע, געבונדן: דער וועג איז דאָ נאָענט, פון ליכט צו ליכט, פון ציגור צו ציגור.

אהרון צייטלינס יוסף דילה ריינה איז אָנגעשטעקט מיט די קבלה־עלעמענטן, מיט דעם אומרו פון דער משיח־לעגענדע. אַ פּאָעמע — ווי אַ צעשטורעמטע ים־כוואַליע.

ער פּאָלגט נאָך יוסף דילה ריינה׳ס וועג, דער גאַנג צו משיחן דורך קבלה־קאַנאַלן. ער וויל אָנטאָן משיחן די בגדי מלכות. פון וועלט מרחקים — דורך קבלה — גיין אים מקבל־פּנים־זיַין. אַ באַרג אין מדבר, הייבט אָן אהרון צייטלין זיַין פּאָעמע. אויפן באַרג ניַין, הויכע ביַין. ווו איז דער צענטער? דער צענטער דאַרף שאַפן דעם מנין פון דער עדה ייִדן. דילה ריינה איז גרייט. אין מדבר איז געוואָרן נתגלה דער סוד. אַלע מחיצות זענען דאָ געפאַלן. דילה ריינה האָט געבראַכט אַהער צום באַרג אין מדבר אַ קליינע עדה ייִדן. זיי זענען די הייליקע אנשי מעשה. מיט וואָס פאַרנעמען זיך די צען ייִדן? די תשובה איז קלאָר: דער ענין פון קץ.

ער אַליין, דער צענטער, דער ראש המחנה איַינגעשפּאַנט אין דער מרכבה. ער איז איבערציַיגט: דער של־ראש אויף זיַין קאָפּ וועט אים ברענגען צום פּלי. אויב אַפילו דער של ראש איז גרייט — אין דרויסן פינצטערע חצותן. „אורות נאָך אַלץ פאַרשלאָסן, עס דרעמלען עולם־מלא׳ס״. די צען ייִדן — געהייליקטע איַין סיגופים. זיי זענען גרייט אָנהייבן צו קלעטערן פון ספירה צו ספירה. צדיקים. ווער קאָן זיך קעגנשטעלן זייער כּוח? אָבער די עליונים רירן זיך נישט. די טליתים וויינען אויף זייערע אקסלען. ווער איז מעכב די גאולה? עקדישן פינקלען אויף שפּיגלען. משיח קומט נישט. דילה ריינה איז איבערציַיגט אַז משיחן קאָן ברענגען נאָר אַ ייִד, אַ ייִד מיט אַזעלכע תלמידים.

פלוצלינג אויף אַ קעמל קומט זי אָן, די כלה: לילית.

לויט אירע פאַרלאַנגען האָט זיך דער באַרג אויפגעשטעלט, קעגנאיבער דעם באַרג פון די צען. אין נאַקעטקייט שטייט זי אויפן באַרג. פאַמעלעך שאָקלען זיך אירע בריסט. אירע היפטן — קיַילעכיקע. געוואַשענע. ווי קוואַלן. אירע האָר האָבן מיַילער „זיי זידן ווי גיפטן, וואָס הייסער זיי זידן, קילער די היפטן, קילער די בריסט״. לילית — אַ סימבאָל פון עריות. פון נאַקעטקייט.

דילה ריינה אין געפענקעניש. אַ געפאַנגענער אין קייטן. ער גיט

זיך קיין ריר נישט. אותיות פלאַטערן פאַר אים. דער כתר פון ייחודים און צירופים צאַפּלט זיך. די סטרא אחרא איז אויפגעוועקט. וואָס קומט דאָ פאָר?

דאָס פּנים פון לילית — האַלב־בענקשאַפט, האַלב־שפּאָט. זי גיט אַ זונג: „מיַין מאַן, דילה ריינה, זיַי; באַצווינג מיַין בלוט, מיַין טרייפקייט, מיַין נידה. איך ווער אַ ריינע. אמת טאָקע — טומאה, אָבער די טומאה דאַרף צו קדושה גיין. דו ביסט מיַין האָפענונג די גרעסטע". אַזוי רעדט לילית צו יוספן. דו ביסט הייליק, און „די טראַכט פון קליפות באַגערט דיַין הייליקייט פון אייביק אָן. באַגערט די הייליקע טיפות".

לילית'ס ווערטער ווי שירה. אין די וואַסערן פון דער יצירה זיצט אַן עוברל. אַזוי זעט די פאַנטאַזיע פון יוסף דילה ריינה. ער ציט אויס זיַינע אָרעמס, „ווי אונטערצוטראָגן אַ קישעלע דעם נישט געפורעמטן קינדעלע".

דוכט זיך די ניַין — וואָס שטייען אין אַ זייט, קוקן זיך צו צום ספּעקטאַקל: משיח. יוסף זעט גילוי איבער גילויים. דעם עוברל דאַרף מען געבן אַ פּנים. מען דאַרף פאַרשטאַרקן די צירופים. מ'דאַרף אים געבן פורעם. געשטאַלט. ער, דער עובר, דאַרף זיַין דער ליכטיקסטער פון אַלע שיעור־קומה'ס.

יוסף דילה ריינה וויל אַרויסקריגן דאָס קינד אַן דער טראַכט פון אַן אשה, אַן טמא בלוט פון אַן אשה, אַן זוימען. אַן זינד.

משיח דאַרף נישט געבוירן ווערן. מיר קבלה־מענטשן, וועלן באַפריַיען משיחן דורך צירופים. הלבשות, תפילות „אָן גלגול מחילות פון בלוט און טראַכט".

לילית הערט זיך צו צו די פלאַפלעריַיען פון יוסף דילה ריינה. זי לאַכט. זי האָט זיך איר אייגענע לילית־וועלט. זי זינגט: אַ האַרץ דאַרף בלוט. און איך בין בלוט. געבורט דאַרף בלוט און משיח מוז געבוירן זיַין. דו, יוסף, ביסט דער ריינסטער, איך, לילית, — די שענסטע פרוי. דאָס קינד מוז אונדזער ביידנס זיַין. אָן אונדזער ייחוד וועט משיח ניט געבוירן ווערן. נאָר דורך אונדזער זיווג קאָן קומען דער גואל. איך געהער צו דיר, און דו געהערסט צו מיר. דאָס קינד וועט זיַין אונדזער קינד. דאָס קינד וועט משיח זיַין. ער וועט זיַין דער גואל. משיח דאַרף אַ מאַמע האָבן און נאָר דו, יוסף, קאָנסט מיר מאַכן פאַר משיח'ס מאַמע. איך,

לילית, וואַרט אויף דיר, איך וואַרט אויף משיח׳ס פּאַטער, נעם אַוועק דעם עיגול פון די קבלהשע ייחודים און צירופים.

יוסף דילה ריינה איז אין געראַנגל מיט ליליתן. ער באַפעלט די באַגלייטער: דאַווענען. און אַז מ׳דאַוונט ווערט אַן עיגול און לילית קאָן נישט אַריבערגיין דעם עיגול און אירע ברוסטן ווערן שטאַרבנדיקע פייגל. דער מקובל ווייסט אַז מ׳דאַרף זיך צוואַיילן און אויסמשיחן משידן איידער ס׳גייט די צייט פאַרביי. מ׳דאַרף אויפהערן זיין פאַרטאָן אין הרהורים. הרהורים מאַכ אַ תל פון גאַנצן בנין. ער ווייסט, ער פילט אַז לילית, איז די סטרא אחרא און זי וויל אים מאַכן פאַר אַ חוטא. ווי קאָן לילית זיין משיחס מאַמע? זי האָט איין צוועק: מטמא מאַכן דעם קבלה־מענטש. אין איר ליבשאַפט שטעקט שנאה, אין איר ליכטיקייט — חושך. אין גוטן וויין האָט זי אַריינגעטריפט סם.

יוסף דילה ריינה גלייבט אַז קיינער קאָן אים ניט פאַרקנעכטן. זאָל זי זינגען טאָג און נאַכט אויב זי וויל עס. ער וועט נישט באַצוווּנגען ווערן פון דער סיטרא אחרא. פון הינטערן טלית שרייַט יוסף צו לילית׳ן: טומאה.

און לילית טראַכט דערביי: איך האָב אַלע שדים אָפּגענאַרט, אויסגעזינדיקט מיט וועמען ס׳הנט זיך נאָר געלאָזט, און טראָץ דעם איז די תאווה ניט געשטילט, פאַרקערט, די תאווה שטייַגט און שטייַגט. זי איז קיינמאָל ניט באַזעטיקט. קומט מיט טענות צו יוספן: פאַרוואָס זענט איר מקובלים פאַרקראָכן אין טליתים ווי אין היילן. האָב קיין מורא נישט יוסף דילה ריינה. לילית זאָגט קלאָר און אָפן צו יוספן, אַז כל זמן זי האָט דאָס קינד נאָך נישט, קאָן זי נישט פאַרשווינדן.

זי בעט רחמים אַז דער באַגערטער אירער, דער באַשערטער זאָל ניט אַוועק פון איר, ווייַל זי איז איבערצייַגט אַז זי איז די מאַמע פון משיחן. איך בין געשיקט פון אויבן, זאָגט אים לילית. זי איז ניט געקומען סתם, פון מרחקים. אַ הימלישער כוח האָט זי געשיקט.

יוסף שטעקט אַרויס זיין קאָפּ פון טלית. אויך די נייַן תלמידים. ער שרייַט צו איר: דו, לילית, ביסט אַ חצופה. נאָר לילית גיט זיך ניט אונטער: „אויב איך לייַג, זאָל מיך טייטן גאָט דער האַר... טרערן בליצן אויף אירע וויִעס, תפילהדיק פאַלט זי אויף די קני און מורמלט: שכינה, זע מייַן צער".

דער אַשמדאי באַקלאָגט זיך אַז לילית האָט אים פאַרלאָזן. זי קומט נישט צוריק. מיטן זכרון איז דער אַשמדאי פאַרבליבן מיט לילית'ן צוגעקלעפּט צו איר קלאָרן לײַב. און דאָ איז געקומען אַ ייִד מיט אויסטערלישע געשיכטעס און נעמט בײַ אים צו זײַן געליבטע. ער פּילט, דער אַשמדאי, אַז דאָ וועלן שוין ניט העלפן קיין בקשות, תחנונים, תפילות. ער זוכט ליליתן אין אַלע היילן. לילית גלייבט מיטן פולן גלויבן אַז ער וועט קומען צו איר, ער יוסף דילה ריינה. דער מקובל בלאָנקעט אויף וועגן, אָבער ער וועט סוף כּל סוף געפינען דעם וועג צו איר.

דילה ריינה זעט אין חלום דעם בשמימדיקן ריח פון איר קלייד. ער און זײַנע ניַין תלמידים פאַלן אויפן פּנים. לילית איז אין פולן גלאַנץ. ער הערט קולות: „לילית איז אין גלות! ווילסט משיחן מוזטו אויסלייזן נישט מיך, נאָר זי". לילית׳ס ברען איז נאָר געווענדט צו יוספן. אַלע חנען אירע, אַלע גלוסטונגען נאָר פאַר אים זענען זיי אָנגעגרייט.

יוסף דילה ריינה אין געראַנגל. אפשר דער לעצטער געראַנגל מיט דער חנעוודיקער סיטרא אחרא. ער האָט דאָך געקלעטערט אַרויפצו, אין די הייכן, צו די עולמות עליונים, ער קאָן נישט הייליק מאַכן טומאה „שטײַגן קאָן איך — אָדער פאַלן! לאָזט מיך שטײַגן! לאָזט". נאָר עס הערט זיך אַ קול: אויב אַזוי: פאַל.

יוסף דילה ריינה וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם טלית און תפילין, ער רײַסט אַראָפּ פון זיך די בגדים. די ניַין תלמידים ווייסן ניט צי דאָס איז פון שטויבונג צי פון שרעק. יוסף זאָגט צו ליליתן קלאָרע ווערטער: דו, ביסט מײַן קרוין, אָט טו איך זיך אויס, אָט וואַלגער איך זיך בײַ דײַנע פיס „קום, נעם אַרום, שטעך אַדורך ווי אַ שפּיז". „נישטאָ קיין ברירה, אַחוץ עבירה". ער ווייסט אַז ער קאָן נישט אויפהייבן צו טומאה צו קדושה. די סיגופים און תפילות קאָנען ניט בײַשטיין איר נאַקעטקייט. די הויכקייטן לאָזן ניט ווײַטער גיין. אויב אַזוי: זעץ מיך אַוועק אויף דײַנע קני. ער פרעפּלט: ערוה! עבירה! ערוה.

די ניַין תלמידים זעען אַז די טומאה האָט מנצח געווען די קדושה. אַז דער מקובל זיצט שוין אויף די קני פון ליליתן. מ'קאָן גאָרניט מאַכן, בלײַבן בלײַבט זיי נאָר אַוועקגיין פון זייער קבלה־מנהיג, ווײַל פון זיינע כּפירה־רייד הערט זיך אַ געררוך, די שאָטנס פון זייערע טליתים ציטערן. יוסף דילה ריינה בלײַבט מיט ליליתן.

אָבער די שפּיל צווישן יוספן און לילית׳ן איז ניט געענדיקט. אמת טאַקע, דער מקובל אויף די קני פון לילית׳ן, אָבער זי, די העלדין פון דער פּאָעמע וויינט, און אין איר וויינען, שטעקט איר מסקנה: אמת טאַקע, כ׳האָב געהאַט צו דיר אַ גאַרונג, אמת טאַקע, כ׳האָב צוליב דיר איבער־געלאָזן אַלע שדים, אָבער דו וועסט מײַן ווונד נישט היילן. משיחן וועלן מיר נישט געבוירן. אומזיסט געהאַפּט. מײַן ליבשאַפט ווי שנאה האַרב. פּאָר מײַנע פײַנען נאָ דיר טויט — שטאַרב". זיי ראַנגלען זיך. עס ראַנגלט זיך דאָ אַ פּאָר: קדושה און טומאה. דאָ ראַנגלט זיך די טומאה וועלכע האָט געגלייבט אַז פון זיווג מיט דער קדושה וועט געבוירן ווערן משיח. די צעבראָכענע געפּעסן — אין געראַנגל. אַלץ איז פאַרפלאָנטערט. איז ווו דער באַשייד, יוסף דילה ריינה ליגט אויפן דיל, ער כאַרכלט אויס אַ „שמע" און שאַ, אָן אַ ריר ליגט דילה ריינה. לילית האָט אים אומגעבראַכט. זי האָט געטויט יוספן, אַזוי זאָגט זי צו די הינט וועלכע באַגלייטן זי: ניט פון שנאה, נײַערט פון ליבשאַפט. די הינט וואָס בילן ווילן לילית׳ן ברענגען צו דעם שענסטן שטן, אַ שטן וואָס וועט זײַן איר מאַן.

דער אַשמדאי גלייבט אַז זײַן צײַט איז געקומען, אַז זי וועט זײַן קול דערהערן, און זי וועט געדענקען דעם חסד פון יונגע זינד. און ווי לאַנג איז דער שיעור צו בענקען. אוודאי איז איר גאַנג נישט לײַכט געווען, זי האָט זיך געשלעפּט ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק און זי וועט אָנקומען צו מיר. ער זעט ווי לילית וויינט אויפן טויטן יוסף, בעט דער אַשמדאי: לילית, קום צוריק, כ׳וועל דיר מוחל זײַן אַלע דײַנע גרײַזן. ווער ווידער מײַן ווײַב. און לילית ענטפערט: איך בלײַב. צווישן ספק, צי יוסף דילה ריינה דאַרף זײַן דער טאַטע פון דעם גואל, אין דער באַהעפטונג פון דער מאַמעס קדושה, לאָזט איבער אהרון צייטלין לילית׳ן אין אַלמנהשאַפט. זי בלײַבט בײַם גלויבן אַז ער, יוסף דילה ריינה, אַ נײַער, דער האַר פון אַלע הארן, וועט אין איר פאַרזייען פּאַטערישע זוימען, און אף על פי שיתמהמה, „מעג ער זיך זוימען, איך וואַרט" „און כאָטש ער טוט זיך זוימען — ער קומט".

אהרון צייטלינס פּאָעמע יוסף דילה ריינה איז אָנגעפּראָפּט מיט סימבאָלן. עס ראַנגלט זיך די טומאה מיט דער קדושה און בײַם לעצטן שטײַגן איז מנצח די טומאה. אָבער אויך די טומאה איז ניט זיכער אין

איר נצחון. במעמקים פּילט אויך די טומאה, אַז דער קדושהס זוימען אין איר טראַכט וועלן געבוירן משיחן.

שנאה און ליבשאַפט אין געראַנגל. שנאה און ליבשאַפט: שטאַפּלען פון גייַסט. אַט די שטאַפּלען אין לייטער פון יוספן און ליליתן איז ניט פרעמד דער קבלה־וועלט.

אהרון צייטלין האָט בישט אויסגענוצט די לעגענדע, אַז יוסף דילה ריינה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוואַרצן הונט, ווען ער האָט דער טומאה געגעבן שמעקן פון זייַן בשמים־פּושקע. זעט אויס אַז אויך דעם דראַמאַטורג איז געווען שווער צו שיידן זיך פון זייַן קבלה־מענטש און אים פאַרוואַנדלען אין אַ שוואַרצן הונט. דער עולם־התיקון איז שטענדיק אין געראַנגל. דער וועג צו משיחן איז ניט קיין לייַכטער. פון די נייַן תלמידים האָט זיך אהרון צייטלין לייַכט געזעגנט, אָבער ער גייט נאָך מיט דיכטערישן־דראַמאַטורגישן ציטער די געראַנגלענישן פון זייַן קבלה־ייִד. חבלי משיח זענען נאָענט אהרון צייטלינען. אויף חבלי משיח האָט דער דיכטער אויסגעאַקערט אַ סך פון זייַנע לידער. אהרון צייטלינס ליד איז אין משיח־דערוואַרטונג. אויך ער וויל אַז משיח זאָל צערייַסן זייַנע קייטן אין רוים און אָנזאָגן אַלע תּפוצות אַז משיחס קייטן זענען סוף כּל סוף צעריסן געוואָרן. צי דורך נוטריקון, צי דורך גימטריית — די קבלה־וועלט מיטן ייִדישן דיכטער גייען צוזאַמען צום קץ. דער קבלה־מענטש און אהרון צייטלין דאַרפן נייַע הימלען און נייַע ערדן.

לילית פאַרמאָגט אַלע שיינקייטן, זי זינגט ווי די נאַכטיגאַלן אין די אָוונטן, זי דעקלאַמירט שירה, זי שפּילט אויף דער האַרף פון ליבע, אָבער מיט דעם זעלבן כּוח שפּילט זי אויף דער האַרף פון שנאה. קלאַנגען פון דער וועלט און יענער וועלט אין געפעכט. אין געראַנגל. צווישן חלום און וואָר לעבט אהרון צייטלינס פּאָעמע. צווישן גרויסן חשבון צווישן דער טומאה און קדושה. אַ פּאָעמע וואָס פאַרטיילט סימבאָלן דעם קריטיקער. אַ יונג לייַב וועלקט ניט אויך ווען עס שטאַרבט אָפּ דער געליבטער. בלעטער ווילן בישט פאַרוועלקן, זיי ווילן זייַן באַפרישט פון זון און טוי.

אַ סך לידער בייַ אהרון צייטלינען פאַרמאָגן העלדן וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פליִען. וואָס שיקן תּפילות צום כּביכול און די תּפילות ווערן ערגעץ־ווו צערונען. תּפילות אויפן וועג הענגען מיט די קעפּ

אַרונטער. תּפילות וועלכע האָבן זיך געריסן צו ליכט, צום משיח־געשטאַלט האָבן פאַרבלאָנדזשעט אויף פרעמדע וועגן.

דעם דיכטערס ליד שווימט אָפּט „צו עפּעס אַ הייליקן נישט פאַראַנען".
דאָס ליד פאַרמאָגט: התגלות, אַ וואָרט וואָס חזרט זיך אָפּט איבער ביַי אהרון צייטלינען. „אַלץ איז יאָ אַלץ איז ניין / אַלץ איז אָפּדוכט און איז וואָר". און ווער קאָן ביַי אהרון ציטליגען שטעלן אַ מחיצה צווישן אָפּדוכט און וואָר? די יצירה לעבט אָן אויפהער, איטלעך וועזן איז אַ ספירה.

לילית איז אין צייטלינס ליד אָן אָפּטער גאַסט. ער זעט זי ווי אויף דער נאַכט האָט זי געגעבן אַ קוק מיט משוגענע אויגן. און קוקט זי אַריין אין דער נאַכט מיט אירע משוגענע אויגן צעשליַידערן זיך אויך די שטערן און דער פּחד פּיַיפט.

אהרון צייטלין טרעפט מקובלים און למד־וואווניקעס אויף די וועגן. ער פירט מיט זיי אַ שמועס וועגן לעבן און חורבן. אויך ביַים באַרג־מאַידאַנעק פירט ער מיט זיי אַ שמועס. אַ ויכּוח. ער וויל פאַרשטיין אַלע ספירות. דעם כּתר פון דין. דעם כּתר פון מלכות. ער זיצט מיטן אַלטן רב פון אַלט־ירושלים און פירט מיט אים אַ שמועס וועגן מיתה ביד שמים. ער רעדט וועגן קץ. וועגן אחרית הימים. ער וויל וויסן דעם חשבון, אויב ער קומט. אויב עס איז בכלל כּדאַי צו וואַרטן. ער וויל וויסן נאָכן חורבן צי דער וואָס האָט דעם בונד דעם בלוטיקן פאַרשניטן מיט די וויַיטע אבות, צי קומט ער נאָך אויף דער ערד, צו די חורבות, און צי היט ער בכלל די חורבות. ער וויל וויסן צי אונדזער ערד איז נאָך אַלץ אליהוס ערד. און וואָס איז אונדזער יידיש לעבן: ככל הגויימדיק?

„נישט שלאָפן קאָן אַ ייִד, נישט וואַכן קאָן ער / אין אָט דעם דור / צווישן דער וועלט ערגעץ־ווו און יענער / וואָלט איך (ווען עשיו וואָלט געלאָזט) מיר אויסגעזוכט אַ גראָטע / און דאָרט אַרויפבאַשווירן ס׳פּנים פון דערלייזער / מיַין האָר און קייזער. / זאָל ער אַרויסשווימען צו מיר אין מאָרגנגלאַנץ דעם פרישן / פון צווישן / דער־וועלט און יענער — / זאָל ער אַרויסשיַינען צו מיר — פון טויט און לעבן שענער".

אַזוי האָט אהרון צייטלין געזונגען אין 1942.

בענקעניש נאָך משיח־געשטאַלט.

און צו דעם מקובל אין אַ שוצקעלער קומען אָן די צוויי און צוואַנציק אותיות. אַרום קראַכן באָמבעס, אַרום גייט אָן אַ מלחמה, אָבער הינטער

די צוויי און צוואַנציק אותיות ליגט שוין געהרגעט אדומס שר: „אונטן איז נאָך פינצטער / ס׳שלאָגט זיך גוג ומגוג / אויבן איז שוין טאָגיק״. אודאי אין זכות פון דעם מקובלס צירופים פון די צוויי און צוואַנציק אותיות.

אהרון צייטלין אין זײַן פּאָעמע: דער רבי ר׳ נחמן זעט אַ יונגן היכן ייִד שטיין אין אומאַן פאַרן פענצטער פון אַ הויז, ער האָט זיך באַזעצט קעגנאיבער בית־עולם אין אומאַן. ווען ער קוקט אַראָפּ צום בית־עולם, צו די הרוגים פון ת״ח און ת״ט הערט זיך זײַן תּפילה: לא אמות כי אחיה, לא אחיה כי אמות. פון די קברים הערט ער דאָס געוויין פון אַלע מיתות. פון אונטער די מצבה־שטיינער הערט ער אַ קול: לייז אויס אויף אַן אמת. לייז אויס.

ר׳ נחמנס בענקשאַפטן נאָכן אויסלייזער זענען אָן לשער. ער איז שיכּור פון בענקשאַפט נאָך גאולה. דאָ, לעם די הרוגים פון ת״ח און ת״ט, קאָן זײַן תּפילה אויפטאָן גרויסע מעשים. דאָ קאָן זײַן דער תּיקון העולם. דאָ קאָן מען אָנצינדן נײַע ליכטער אין ייִדישן לעבן. דאָ קאָן אויפלויכטן דער וועג פאַר משיחן.

אפשר האָט גאָט באַהאַלטן די סודות העולם פאַר אים, פאַר ר׳ נחמנען? אפשר וועלן זיך דאָ אין אומאַן אָנצינדן די הייליקע אורות פון דער וועלט־גאולה, און צום אַלעם, ערשטן פאַר דער גאולה פון זײַן פאָלק.

השתוקקות צו גאולה. אפשר דאָ אין אומאַן, קעגן די שטיינערנע מצבות, האָט גאָט איבערגעגעבן אין זײַנע הענט די שליסלען צו גאולה. די סטרא אחרא האָט זיך געבאָדן אין ייִדיש בלוט. אַן עדות: די שטיינערנע מצבות דאָ.

אַלע געשטאַלטן קומען אָן צו ר׳ נחמנען: אַלע באָרוועסע בעטלער וועלכע שטעלן הענט אויס נאָך נדבות, אַלע אָרעמעלייט; אַ ייִד אַ חזן זינגט דאָ אויס די ימים־נוראימדיקע תּפילות; די משוררים פון אַלע שולן זענען דאָ דאָ. געזאַנגען ווערן דאָ פאַרשניטן אינמיטן. דאָ אַנטקעגן קומט אויך אָן דאָס שוסטערל וואָס קלאַפּט טשוועקעס אין זויל און זינגט מיט אַן אומעטיק קול: „חטאינו הוא ימחול, זרענו וכספנו ירבה כחול״. דאָס שוסטערל האַקט אָפּ זײַן וידוי מיט אַ געוויין. אַ ייִד אַן אביון, אַן אָרעמאַן — אויך ער דאַרף גאולה.

עס קומען אָן וווּנדערלעכע געשטאַלטן פון ייִדישן לעבן: די מגידים פון

די בתי מדרשים, די מתמידים פון די שטענדערס, די שדר״ן וועלכע רעדן לשון קודש, אַלע אַנגענומענע ייִדן פון דער קהילה. אַלע קומען מיט פאַרבלוטיקטע גלידער. מצבות וואַרפן זיך פון זייַט אויף זייַט. ר׳ נחמן איז מייחד ייחודים; מכוון כוונות. הוא אשר אמרנו: השתוקקות צום משיח. ר׳ נחמן דערציילט פאַר זייַנע געשטאַלטן די מעשה פון די זיבן בעטלער. געענדיקט זעקס מעשיות, פּלוצלינג האָט ער געזאָגט צו ר׳ נתנען אַזוי: ,,רוף אַרייַן דעם עולם! כ׳האָב אַ סיפּור גאָר אַ נייַעם, כ׳הייב אים אָן אין אומאַן, נאָר מסיים וועט אים מסיים זייַן דער גואל צדק אין ירושלים. רב נתן האָט געציטערט און האָט נאָכגעזאָגט: ,,מסיים וועט זייַן דער גואל צדק אין ירושלים. און אויף משיחס סיום וואַרטן מיר עד היום״.

אפשר איז דאָס ליד צו משיחן באַנאַל, נאָר אייביק איז דאָס ליד. דער חלום צו גאולה איז דער חלום פון פרייד און אויך דער חלום פון ווילדסטן וויי. דורך ווונדן אַנטפּלעקט זיך משיח אין אהרון צייטלינס ליד.

אַפילו שבתי צבי אין זייַן גענזאַנג צו זייַן חלום מעליסעלדאַ, זינגט דאָס ליד פון משיח. אמת אַ טערק. אַ געשמדטער, אָבער: ,,חלום מייַנער, האָב רחמנות אויף אַ משיח אַ טערק״. יעדעס מאָל, זאָגט דער דיכטער דאַרף מען אָנהייבן פונדאָסנייַ דערציילן די משיח־לעגענדע.

,,אונטער די ייִדישע חורבות קוים־קוימט דער גואל. ער מורמלט, אף על פּי, כאָטש, שיתמהמה, ישראל זוימט אַזאַ גרויסן פּאַרזוים, חכה אחכה לו — וואַרט איך בכל יום, שיבוא — אַז ס׳קומט ישראל צדקנו און ציט מיך פון אונטער די חורבות אַרויס, במהרה בימינו, במהרה בימינו״. אַלע משיחים קריגן אַ וואָרט אין אהרון צייטלינס ליד.

וועגן אַלרואין דערציילט אהרון צייטלין אַ מעשה געלייענט אין אַלטע ספרים: ,,און ס׳האָבן די ייִדן פון באַגדאַד זיך פאַרזאַמלט אויף די דעכער און געוואַרט, אַלרואי זאָל קומען אויפן וואָלקן און זיי אַוועקטראָגן מיט ווייַב און קינד. אַ נאַכט אַ גאַנצע האָבן זיי געשטאַן וואַרטן און אויף צומאָרגנס האָבן די גויִם געטריבן שפּאָס פון זיי״.

דאָ די גרויסע טראַגעדיע: די גויִם האָבן געטריבן שפּאָס פון זיי. געגלייבט האָבן ייִדן אַז אַלרואי וועט זיי ברענגען קיין ירושלים. ער קומט אויף אַ וואָלקן און טראָגט זיי. אָפּגרונטן ווערן פאַרשפּאַרט, הימלען עפענען זיך. שטייען ייִדן אויף די דעכער און וואַרטן. ,,וואָלקן, דו וואָלקן, מיר וואַרטן / קום מיטן גואל און טראָג / אַהין, צו די שוועלן פון

העלקייט / אַהין צום טויער פון טאָג. / וואָלקן, אַט וואַרטן מיר אַלע / טראָג אונדז אַלע פאַרטאָג". נאָר דער וואָלקן איז ניט געקומען, און גויים פרעגן: ייִדן, וואָס הערט זיך מיט אײַער פלי?

אָבער, זאָגט אהרון צייטלין, מיר וואַכן נאָך אַלץ אויפן דאַך".

די לעגענדע משיח קאָן ניט ווערן אויסגעלאָשן. זי קוקט אַראָפּ פון אַלע אַלטע ספרים, פון אַלע דורות, זי איז די שפע פון ייִדישן לעבן, די פּליסנדיקע שפע, דער פלאַקער און פײַער, דער סנה וועלכער לעשט זיך ניט אויס.

פון פערזענלעכע ביטערנישן, פון פאָלקס־צרות שפּײַזט זיך די משיח־לעגענדע. מיט אַלע ווירבל־ווינטן קומט זי אָן, אין יעדן חורבן איז זי דאָ. קדושה ראַנגלט זיך מיט טומאה. אַלע כּלים ליגן צעבראָכענע, נאָר די משיח לעגענדע איז גאַנץ.

און ייִדן האָבן געזונגען: וואָס ווערט זײַן אַז משיח וועט קומען?

זיי האָבן געגלייבט און גלייבן נאָך הײַנט, אַז משיח וועט קומען, וועט די גאולה קומען. מיט זיי גלייבט אויך אהרון צייטלין.

מיט דעם גלויבן האָבן געשאַפן אַלע ייִדישע דיכטער, וואָס האָבן זיך געקלאָמערט צו דער משיח־אידייע.

# אליהו הנביא

נישטאָ קיין ייִדישע געשיכטע אָן די נביאים.
די גאַנצע ייִדישע אידייען־וועלט טראָגט דעם חותם פון די נביאים.
אומעטום פילט מען זייער אָטעם.
די פירנדיקע פערזענלעכקייטן זענען ניט די מלכים, די כהנים, נאָר די נביאים. זייער ווירקונג איז איבער די גרענעצן פון צייַט און רוים.
די שליחות זייערע איז צום ייִדישן פאָלק און צו דער וועלט.
יעדער נביא מיט זייַן געשטאַלט.
אין די שווערסטע צייַטן בלייַבט דער נביא מיטן פאָלק.

## אליהו הנביא

אַז דער נביא אליהו
קומט אויף דר׳ערד, ד׳ער ברייטער,
און זייַן באָרד, די זילבער־גרויע
אויפן פעלד פאַרשפּרייט ער —

ווערט די וועלט אַ בלענדיק־ווייַסע,
פול מיט דימענט־שפּרייען,
און די זון פאַרשרייַבט די מעשׂה
מיט אַ שטראַל אין שנייען.

ווער ס׳קאָן צומאַכן די אויגן
און דערזען אַ חלום,
רייַטן אויף אַ רעגנבויגן
און אַראָפּ בשלום,

דער זאָל קומען צו מייַן פענצטער,
און דורך מייַנע שויבן
זען, ווי ס׳באָדט דער טאָג, דער שענסטער
זיך אין זילבערשטויבן.

באַטקעס שטייען ווײַס־באַפּעדערט
ווי פֿאַרקלערטע שטאָרכן.
ביימער אַלטע, דעמבעס, צעדערס,
אין טליתים האָרכן.

ווי אַ ווינטל ברומט אַ ניגון
און דערציילט אין בי־מאָל:
פֿון אַ נביא, אַ ניט־היגן,
וועלכער וווינט אין הימל...

טוט די זון אַן אַ פּאָר כמאַרעס
אויף איר קאָפּ, דעם געלן,
שיטן זיך אַרויס דורך שפּאַרעס
גאָלדענע קאָרעלן,

און זיי צינדן אָן, צעגליִען
וואָלקנדלעך ווי קוילן
קומט דער אָוונט פֿון ניט־הי̇ען
אָן אויף בלויע זוילן,

און פֿאַרהילט די וועלט, די ווײַסע
אין אַ בלויען שאָטן;
זינגט דער ווינט אַ וווּנדער־מעשׂה
און ער לערנט נאָטן

גאָר דער וועלט, דער טונקל־בלויער,
וואָס פֿאַרבלויט אין דרימל,
און דער נביא אליהו
גייט צוריק אין הימל.

(פּרץ מיראַנסקי)

די שאַפֿונגען פֿון די נביאים זענען ניט קיין צײַטווײַליקע. זיי גילטן ניט נאָר פֿאַר איין דור, פֿאַר איין תּקופֿה, נאָר פֿאַר דורות, פֿאַר אַלע

תקופות. אין דעם ליגט די גרויסקייט און וויזיע פון אונדזערע נביאים. זיי האָבן געפּריידיקט און געשאַפן אַבסאָלוטע אמתן פאַר אונדזער פאָלק, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן, פאַרן באַחרית הימים...

משה רבנו איז דער אדון הנביאים, דער האַר פון די נביאים, און דאָס איז געשען דאַן ווען ער האָט דערזען דעם סנה וואָס ברענט און ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. דער סנה איז געוואָרן דער סימבאָל פון אונדזערע נביאים. ניט מיט שכל איז אָנגעקומען משה רבנו צו דעם סימבאָל פון סנה, נאָר מיט אינטויציע, מיט געפיל. אַן אַנאַליטישער פאָרשונג, אַן פילאָזאָפישע סיסטעמען. אויב אין מדבר ברענט אַ סנה און דאָס פלאַמיקע פייער ווערט ניט אויסגעלאָשן, און ברויזט אין האַרץ, איז אַ סימן אַז דאָ איז דאָ געטלעכע דערקענטעניש.

די נביאים זענען ניט קיין פילאָזאָפן ווי די גריכישע פילאָזאָפן אָדער אַנדערע, זיי זענען וואָרט־זאָגער, וועג־ווייזער.

צווישן לאָגיק און אינטויציע, צווישן פילאָזאָפישע מעטאָדן און סיסטעמען, איז די נבואה אַוועק צו דער נשמה, צום געפיל, צו דער אינטויציע. די נביאישע אויפפאַסונג איז: עס איז פאַראַן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט צווישן גאָט און מענטש, צווישן הימל און ערד. פּאַגאַניזם, עכו״ם — עבודת כוכבים ומזלות, האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט דעם קאָנטאַקט צווישן גאָט און מענטש, צווישן הימל און ערד, און דערפאַר דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף קעגן עכו״ם.

עס איז דאָ איין רעגירער איבער אַלץ און אַלעמען. דער רעגירער פירט די וועלט לויט פעסטגעשטעלטע פּרינציפּן: יושר און גערעכטיקייט. אויך דער מענטש איז אַ רעגירער איבער דער נאַטור, נאָר זייענדיק אַ רעגירער מיט אַ פרייער בחירה, דאַרף ער אויך זיין יושרדיק און גערעכט.

דער הויפּט־יסוד פון יעדן נביא, פון הושע און עמוס, פון ירמיהו און ישעיהו איז געווען דער אידעאַל פון יושר און גערעכטיקייט. דער נביא רעדט קיינמאָל ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אין נאָמען פון גאָט: כה אמר ה׳. ווען דער נביא קומט אויסרעכענען די אַטריבוטן פון גאָט, רעדט ער קלאָר און דייטלעך: גאָט איז אין־סופיק, הייליק אָן קיין שום אַנאַלאָגיע. גאָט איז פול מיט חסד, פול מיט רחמנות, פול מיט צדק און משפט. און דער מענטש איז אַן עצם־טייל פון גאָט, ווייל בצלם אלוהים

ברא ה׳ את האדם. דער הויפט־געזעץ פון לעבן, פון דער וועלט, וואָס דער לעבעדיקער מענטש האָט געירשנט פון גאָט, איז דער געזעץ פון מאָראַל און יושר, פון אמת און צדק, פון שלום און אחווה. אַפּילו דער אחרית הימים טראָגט אָט די מאָראַלישע געזעצן, נישט נאָר פאַרן ייִד, נאָר פאַר אַלע פעלקער.

דער נביא האָט שטענדיק געהאַלטן זײַנע אויגן אָפן צו די הימלען. אויף דעם הימלישן לייטער האָבן זיי געקלעטערט, פון דאָרטן האָבן זיי געשעפּט די פּרינציפּן פון מאָראַל, עטיק און יושר. אַ סך נביאים, קלעטערנדיק אויף דעם הימלישן לייטער, וועלנדיק דערגרייכן העכערע שטאַפּלען, זענען געוואָרן פּרושים, נזירים, ניט געקומען פּנים אל פּנים מיט די שווערע נסיונות פון טאָג טעגלעכן קאַמף, זיי ווערן קיין סך נישט דערמאָנט אין תנ״ך.

צווישן מיליאָנען ייִדן איז נאָר געווען דעמלט אַ הײַפעלע נביאים, תרי עשר, צוועלף און נישט מער, און נאָך עטלעכע וועלכע האָבן ניט קיין ספרים נאָר קלײנע ביאָגראַפיעס וואָס זענען פאַרשריבן אין תנ״ך: גד, נתן, אחיה השילוני, חולדה א. א. היות ווי די גאַנצע וועלט איז אונטער דער השגחה פון גאָט, קלײַבט אויס גאָט די פעלקער וועלכע באַשטראָפן דעם זינדיקן ייִד. „אשור איז דער רוט פון מײַן צאָרן" און מצרים איז אַ „קנה רצוץ", אַן איבערגעבראָכענער שטעקן, וואָס צעשטערט יעדן וואָס שפּאַרט זיך אויף אים אָן. אָבער די דאָזיקע אימפּעריעס וועלן אונטערגיין און בלײַבן וועט נאָר דאָס ייִדישע פאָלק.

די נביאים זענען געווען גרויסע אָפּטימיסטן און האָבן אַפילו נבואה געזאָגט נישט נאָר אויף דער ברוטאַלער וועלט, נאָר אויך אויף אַן עתיד לבוא׳דיקער וועלט, אַ נײַע און אַ פיל בעסערע. זיי האָבן געגלייבט באמונה שלמה אַז די מענטשהייט וועט זיך דערשלאָגן צו אַ ליכטיקער צוקונפט, אין אחרית הימים אין וועלכער גאָטס תורה וועט זײַן אײַנגעקריצט אין אַלעמענס הערצער, און וועט זײַן דער ליכט־טרעגער פון אַלץ וואָס איז יושרדיק און גערעכטיק. דער נביא איז ניט געווען קיין פאַטאַליסט, נאָר געגלייבט אין פרײַען ווילן פון מענטשן, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן פון דער יצירה אָן. און האָט דער מענטש די בחירה, וועט ער אַוודאי אויסקלײַבן דעם בעסערן, דעם שענערן און יושרדיקן וועג.

מיר זעען די נביאים שטענדיק אין אַלע קאַמפן, אין אַלע גערעַנגלענישן

אויף דער זייַט פֿון די ברייטע פֿאָלקסמאַסן. תּמיד רעוואָלוציאָנערן און אָפּאָזיציאָנערן. דעם נביא באַפֿאַלט פֿלוצלינג די באַגייַסטערונג, דער אינערלעכער ברען וואָס לאָזט אים ניט צורו. כאש עצורה בעצמותי. די קראַפֿט איז שטאַרקער פֿון אים. ער רעדט און שטראָפֿט, ער צערייַסט און צעברעכט ווייַל דער אינערלעכער ברען זאָגט אים דאָס צו טאָן.

דער יידישער נביא איז אַ וויזיאָנער, אַ דיכטער. ער רעדט מיט סימבאָלן, ער האָט זייַן ליטעראַרישע פֿאָרם. דער נביא איז אויך געווען אַ פּאָליטיקער. זיי זענען געשטאַנען אויפֿן רעאַלן באָדן מיט בײדע פֿיס. דער נביא איז שטענדיק געווען אויפֿן זייַט פֿון די אָרעמע: עמוס. הושע. דער נביא איז עקסטרעם. זאָגט הושע: „גאָט שרייַט פֿון ציון, און פֿון ירושלים הייבט ער זייַן קול: ס׳וועלן טרויעריק ווערן די פּאַסטעך־שטיבער, און ס׳וועט טרוקן ווערן דער שפּיץ פֿון כרמל“.

סאָציאַלע קעמפֿער, רעוואָלוציאָנערן, מיט שווערע שטראָף־רייד.

דער נביא איז אויך געווען דער שטראָפֿער, דער באַשטראָפֿער און דער טרייסטער. אויב עמוס שטראָפֿט זאָגט ער אָבער צו „ניט אַ קערנדל וועט פֿאַלן צו דער ערד פֿון מייַן פֿאָלק. איך וועל אויפֿשטעלן דאָס אייַנגעפֿאַלענעביידל פֿון דוד המלך, איך וועל פֿאַרמויערן אירע ברוכן, און זייַנע חורבות וועל איך אויפֿשטעלן און וועל עס אַריפֿהייבן ווי אין אַמאָליקע טעג“. „ס׳קומען אָן טעג, ווען דער אַקערער וועט זיך טרעפֿן מיטן שניטער, און פֿון די בערג וועט טריפֿן זאַפֿט און אַלע הייכענישן וועלן זיך צעגיין, און זיי וועלן אויפֿבויען די פֿאַרוויסטע שטעט און אין זיי ווױנען, וועלן פֿלאַנצן ווייַנגערטנער און טרינקען זייער וויַין, וועלן פֿלאַנצן גערטנער און עסן זייער פּרוכט. און איך וועל זיי פֿאַרפֿלאַנצן אויף זייער ערד, און וועלן מער ניט אָוועקגעריסן ווערן פֿון דער ערד וואָס איך האָב זיי געגעבן“.

נוסח: נחמו, נחמו, עמי.

קומען מיר אָן צו דער געשטאַלט פֿון **אליהו הנביא**, זעען מיר אַ נביא וואָס איז געקנאָטן פֿון לעגענדעס. דער תּנ״כישער אליהו הנביא רוקט זיך אָפּ, ווערט אפֿשר אויך פֿאַרגעסן בייַם פֿאָלק און עס קומט אָן די וואָרעמע לעגענדע. ווייַטע תּקופֿות קאָנען ווערן נאָענט ווען מ׳קען גוט

די לעגענדע פון דער תּקופה, איר הייסן אָטעם, ווייַל זי איז דער זכרון פון דער תּקופה.

חסידישע צדיקים זענען קיינמאָל ניט אַליין. די לעגענדע באַגלייט זיי.

וואָס וואָלט געבליבן פון מהר"ל אין גערעכעניש פון ייִדישע מאַסן ווען נישט די לעגענדע פון גולם. טראָץ דעם וואָס ס'איז קלאָר, אַז דער מהר"ל האָט ניט גאַשאַפן דעם גולם.

אין דער סוכּה פאַרבעטן מיר הימלישע געסט. אושפּיזין. נישט קיין בעלי הלכה. די לעגענדע ווערט אַרויסגעטראָגן פון האַרץ. אַ נשמה האָט איר געבוירן. און קבלה — תּפארת — דאָס איז אגדה.

גרויסע תּקופות האָבן גרויסע לעגענדעס. גרויסע פּערזענלעכקייטן האָבן גרויסע לעגענדעס: משיח. אליהו הנביא, דער בעל שם טוב.

אויך די בעלי־התלמוד האָבן דערציילט אַגדות, אָבער דאָך זענען זיי געקומען צו דער מחשבה: הלכה איז „הרודעס גאָלד", אגדה — „קליינע מטבעות".

די הלכה ציט איר חיונה פון דער פּראַקטישער וועלט, די אַגדה — פון דמיון. imagination

ביאַליק שרייַבט: די אַגדה האָט אַ שמייכלענדיק פּנים. די הלכה — אַ צאַרנדיקס. הלכה איז מידת הדין. אַגדה — איז רחמים. הלכה — גוף; אַגדה — נשמה.

הלכה — די מלוכה פון שכל, אַגדה — די מלוכה פון פּאָעזיע, אַ פֿאַרביקע שפּראַך פון געפיל. די געזעצן פון קרבנות — זענען באַשטימטע, די לעגענדעס פון ימים טובים — פון מאָל צו מאָל באַנייַט זיי דאָס פּאָלק. זיי זענען ניט פאַרשטיינערט.

מיט דער הלכה האָבן זיך פאַרנומען לומדים. די אגדה אָבער איז געווען באַליבט בייַם פּשוטן עולם.

צוויי סטילן פון פּאָלק: הלכה און אגדה.

די הלכה האָט אויפגעהאַלטן ייִדיש לעבן, די אגדה האָט אויפגעהאַלטן ייִדישן גלויבן. דער עיקר: די אַגדה האָט דערמוטיקט דעם ייִדישן מענטש, האָט געשטאַרקט זייַן בטחון אין ייִדישן קיום. די אידייע פון בטחון האָט געקריגן איר העכסטן אויסדרוק אין דער אליהו־טראַדיציע, אין די אַגדות

און פאָלקס־מעשיות, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַרום דער ווונדערלעכער געשטאַלט, וואָס האָט דורך דורות און דורות פאַרבונדן הימל און ערד.

אין דער תקופה פון תלמוד זענען עס געווען דער עיקר די תנאים און אמוראים וואָס האָבן זוכה געווען אים צו באַגעגענען. אין די שפּעטער־דיקע דורות אָבער האָט אליהו זיך אַנטפּלעקט צו פּראָסטע לײַט, בעלי־מלאכות און דאָרפס־ייִדן, דער עיקר האָט ער זיך באַוויזן צו די שטילע און באַשיידענע, צו די למד־וואָוניקעס, פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס אויף זייער זכות האַלט זיך די וועלט.

זינגט דער דיכטער מאַני לייב:

## ווען אליהו הנביא
## איז געגאַנגען אין פעלד

ווען אליהו הנביא איז אין פעלד געגאַנגען,
האָבן פון פרייד געציטערט אין פעלד די זאַנגען,
און אין פאָרכט די קעפּ צו דער ערד געבויגט,
און אין שטויב צו דעם נביא׳ס טריט זיך געלייגט.

און ניט נאָר די זאַנגען, — נאָר אויך די גראָזן, —
דאָס ווילדגראָז, וואָס וואַקסט בײַם וועג פאַרלאָזן,
פון אַ מענטשנס האַנט ניט געזייט, ניט געהיט,
האָבן אויך זיך געבויגט צו דעם נביא׳ס טריט.

איז אליהו דאָ שטיין אינעם פעלד געבליבן,
און געבענטשט די זאַנגען מיט אַ וואָרט אַ ליבן:
„שטייט אויף, הייבט הויך אײַער שיינע קרוין,
און צײַטיקט אין לויטערן גאָלד און ברוין;

דער מענטש האָט אין מי אויף אײַך אַכטונג געגעבן,
און גאָט אין זײַן גנאָד זעטיקט מיט לעבן,
מיט זון און מיט זאַפּט אײַער שויט און צווייט —
צו זײַן פאַר גאָטס קינדער דאָס הייליקע ברויט“.

און דער נביא האָט דאָ מיט אַ וואָרט אַ זיסן
געטאָן אויף דעם שפּליִן ווילדגראָז באַגריסן:
„דו קראָפּיווע בייזע, דו ווערמוט, פּאָלין,
וואָס די ביטערקייט יווירט אונטער אײַער גרין,

שטייט אויף און שטויבט אָפּ אײַער גרינעם קאַפּטן!
גאָט האָט אין די אָדערן ביטערע זאַפטן
געגאָסן אין אײַך, אַז אין פּיין און זינד
זאָלט איר זײַן אַ רפואה פאַר מענטש און רינד!"

אליהו פון דער לעגענדע איז אונדז אַ סך נענטער ווי אליהו פון תנ"ך, דער שטרענגער אליהו פון ספר מלכים, דער קנאָישער נביא וואָס קעמפט אַזוי ביטער קעגן די זינד פון זײַן פאָלק. דער קנאי איז אין דער לעגענדע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַרציקן פאָטער וואָס איז שטענדיק גרייט צו העלפן, דערמוטיקן און טרייסטן.

אליהו הנביא איז ניט אַ געשטאַלט פון ווײַטן עבר. צדיקים טרעפן אים אויפן וועג. פשוטע בעלי מלאכות, אָרעמע ישיבה־בחורים. אין צײַטן פון שווערע נסיונות איז ער דאָ. אויף שמחות איז ער דאָ. די אַגדה זאָגט: אשרי מי שראה את פניו בחלום, אשרי מי שנתן לו שלום. (ווייל איז דעם וואָס האָט אים געזען אין חלום, וויל איז דעם וואָס האָט אים געגעבן שלום). אליהו הנביא איז דער מענטש וועלכער ווייסט ווען וועט קומען משיח, נאָר ער טאָר עס קיינעם ניט אַנטפּלעקן.

די מקובלים האָבן געזען אין אים דעם סוד פון מיסטעריע און געשאַפן דעם באַגריף: גילוי אליהו. אינטערעסאַנט איז אַז די לעגענדע זאָגט, ווען אליהו וועט זיצן אויפן שטול מיטן שופר אין האַנט וועט ער דעם ערשטן טאָג צווישן געבן: שלום בא לעולם; דעם צווייטן טאָג: טובה בא לעולם — די גוטסקייט איז געקומען אויף דער וועלט. דעם דריטן טאָג: ישועה באה לעולם: די הילף איז געקומען אויף דער וועלט. אָבער צום אַלעם ערשטן וועט ער אויסרופן: שלום בא לעולם!

אליהו איז דער איינציקער נביא וואָס דאַרף ניט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון אַפילו דעם רבונו של עולם. די נביאים זענען געוועזן איינזאַמע אין זייער קאַמף. ירמיה הנביא טענהט: „מי יתנני במדבר מלון אורחים

ואעזבה את עמי ואלכה מאתם" (הלוואי וואלט איך געקענט אוועק אין מדבר אין א האטעל פאר וואנדערנדיקע אורחים, און וואלט פארלאזן מיין פאלק און אוועקגיין פון זיי) איינזאם און פארלאזן איז אויך געווען אליהו, און זיין פארביטערונג האט ער ארויסגעבראכט אין שארפע ווערטער. די לעגענדע האט אויסגעקליבן אליהון צו זיין דער שטענדיקער באגלייטער אויף דעם יידישן היסטארישן וואנדער־וועג דורך חורבן און גזירות, דורך קאטאסטראפעס און נסיונות.

אבער די נביאים האבן געוווסט אז אין זייער איינזאמקייט זענען זיי מיטן פאלק און דאס פאלק איז מיט זיי. ס'איז א גורל געמיינשאפט. אט האבן מיר א ביישפיל פון אדון הנביאים, פון משה רבנו. ווען משה איז אראפ פון בארג סיני און געזען זיין פאלק טאנצן ארום דעם עגל הזהב, האט ער די לוחות צעבראכן, ווייל ווי אזוי קאן ער ברענגען די תורה צו א זינדיקן פאלק. משה איז טיף דערשיטערט און גאט זאגט צו אים: אציגד לאז מיך, איך וועל פארלענדן דאס פאלק און איך וועל דיך מאכן פאר א גרויס פאלק („ואעשה אותך לגוי גדול") ענטפערט משה: ניין, איך בלייב מיטן פאלק, מיטן זינדיקן פאלק. און אויב דו ווילסט ניט פארגעבן זייערע זינד, זאגט משה צום האר פון דער וועלט: טא מעק מיך אויס איך בעט דיך, פון דיין בוך וואס דו האסט געשריבן („מחקני נא מספרך אשר כתבת"). אויך אין די שווערסטע צייטן בלייבט דער נביא מיט זיין פאלק.

אברהם מענעס אין דער הקדמה צום ספר „אליהו הנביא — אגדות און פאלקס מעשיות", שרייבט אז, אין דער תלמודישער טראדיציע ווערט אליהו הנביא פארגליכן צו משה רבנו. ביידע זענען אויסלייזער פון פאלק: משה האט זיי אויסגעלייזט פון מצרים און אליהו — ווען משיח וועט קומען.

משה און אליהו זענען גלייך אין אלע זאכן: משה איז א נביא און אליהו איז א נביא. משה איז ארויף אויפן הימל און אליהו איז ארויף אויפן הימל. משה איז אנטלאפן פאר פרעהן און אליהו איז אנטלאפן פון איזבלען. משה האט פארזאמלט די יידן ביים בארג סיני און אליהו האט פארזאמלט די יידן ביים בארג כרמל. משה האט אויסגעראמט די דינער פון עבודה זרה און אליהו האט אויסגעראמט די דינער פון דער עבודה זרה. משה האט געצארנט פון גאטס כבוד וועגן און אליהו האט געצארנט

פון גאָטס כּבוד וועגן. משה איז געגאַנגען צום געטלעכן באַרג און אליהו איז געגאַנגען צום געטלעכן באַרג. משה האָט געפאַסט פערציק טעג און פערציק נעכט און אליהו האָט געפאַסט פערציק טעג און פערציק נעכט. משה האָט געשפּאָלטן דעם ים, אליהו הנביא האָט געשפּאָלטן דעם ירדן.

אַ גײַסטיקע קרובהשאַפט צווישן אָט די צוויי פּערזענלעכקייטן, און נאָך נענטער האָט זיי דערנענטערט די פאָלקס־פאַנטאַזיע. די פאָלקס־פאַנטאַזיע דערציילט אַז אליהו איז געווען אַ תּלמיד פון משה רבנו, ווײַל די לעגענדע האָט געוואָלט איבערלאָזן משהן העכער. משה רבנו דער רבי, אליהו דער תּלמיד.

און דאָך איז פאַראַן אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד צווישן משה רבנו און אליהו הנביא. משה רבנו האָט אויסגעלייזט דאָס פאָלק ישׂראל פון אַ פרעמדן יאָך, אליהו הנביא האָט געפירט זײַן פּאָליטישן און רעליגיעזן קאַמף קעגן אַ יידישן מלך, דעם קעניג אחאב פון ישׂראל אין די צײַטן פון שלמה המלך בעת מ׳האָט זיבן יאָר געבויט דאָס בית המקדש און עלף יאָר דעם היכל פון קיסר, און כּדי דאָס אויסצובויען האָט מען פאַרשקלאַפט דאָס פאָלק; צענדליקער טויזנטער פויערן האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען און זייערע פעלדער כּדי צו אַרבעטן פאַרן קעניג, האַקן שטיינער, שלעפּן קלעצער און טאָן כּלערליי עבודת פּרך. בעת דאָס אויסערלעכע רײַכטום איז געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט דער פאַראָרעמונג פון גרויסע טיילן פון פאָלק; האָט שלמהס רעגירונג אַרויסגערופן טאָפּעלע געפילן. פון איין זײַט דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ — ישׂראל איז געוואָרן אַן אָנערקענטע גרויסע מאַכט, מיליטעריש און פּאָליטיש, ירושלים — אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער, אַ וועלט־שטאָט מיט פּרעכטיקע בנינים און פּאַלאַצן, און פון דער אַנדערער זײַט איז כּסדר געשטיגן די אומצופרידנקייט פון די אָרעמסטע שיכטן. די אומצופרידענקייט איז געקומען צום אויסדרוק נאָך שלמה המלכס טויט ווען זײַן זון רחבעם האָט געוואָלט ווערן קעניג אויפן פאָטערס פּלאַץ.

דערציילט אונדז טאַקע דער תּנ״ך, אין מלכים א׳, אַז דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט אין שכם און האָט דעם נײַעם קעניג געשטעלט די פאָדערונג: דײַן פאָטער האָט געטאָן שווער מאַכן אונדזער יאָך און אַצינד פאַרגרינגער דו דעם האַרטן דינסט פון דײַן פאָטער, און זײַן שווערן יאָך, וואָס ער האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט.

דער יונגער קעניג האָט ניט געוואָלט זיך צוהערן צו דער שטימע פון פאָלק און דער רעזולטאַט איז געווען — אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע, דאָס פאָלק איז זיך צעפאַלן אין צוויי טיילן, אויף יהודה און ישראל. גייסטיק זענען די צוועלף שבטים געבליבן איין פאָלק, פּאָליטיש אָבער האָט די איינהייטלעכע מלוכה אויפגעהערט צו עקזיסטירן און אויך אין אָט דער פּאָליטישער סיטואַציע געפינען מיר דעם נביא אליהו..

דער נביא אָן פּשרות, אָן פּשרות מיטן קיסר. אָן פּשרות מיטן בעל, דער האַריקער מאַן מיטן גאַרטל אויף די לענדן, דער מדבר־וואָנדערער קומט אָן אין תנ"ך, און קומט אָן צו דער לעגענדע. ניט געבליבן קיין איין ספר פון אליהו הנביא. דער ערשטער נביא פון וועמען עס זענען פאַרבליבן בכתב זיינע אייגענע ווערטער איז דער נביא עמוס, פון אליהו און אלישע איז ניט געבליבן קיין ליטעראַרישע ירושה, דערפאַר האָבן די תלמידים פאַרשריבן לדורות זייערע מעשים דורך לעגענדעס.

אליהו איז די איינציקע היסטאָרישע געשטאַלט וועלכע איז, ווי דער תנ"ך דערציילט, לעבעדיקערהייט אַרויפגענומען געוואָרן אויפן הימל. און זינט ער איז אַרויף אויפן הימל איז ער דער מליץ יושר פאַרן פאָלק ישראל. אליהו אין תנ"ך איז אַ קעמפער, אַ שטראָפער, אליהו אין דער לעגענדע איז דער האַרציקער טאַטע פון יידישן פאָלק.

ייִדן האָבן געשאַפן עטלעכע געשטאַלטן דורך די לעגענדעס וועלכע באַגלייטן דאָס ייִדישע פאָלק: די שכינה, וועלכע באַגלייט אירע קינדער אין גלות, דאָס געשטאַלט פון דער כנסת ישראל וועלכע טענהט זיך אויס מיטן באַשעפער פון דער וועלט, די מאַמע רחל וואָס דערהערט דאָס געוויין פון אירע קינדער, ווי זיי ווערן פאַרטריבן פון זייער היים.

די אגדה דערציילט: ווען דער נביא אליהו האָט זיך באַקלאָגט פאַר גאָט ברוך הוא אויף די שווערע זינד פון פאָלק: „פאַרלאָזן דיין בונד האָבן די קינדער פון ישראל, דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט, און דיינע נביאים האָבן זיי אומגעבראַכט", האָט אים גאָט דערפאַר שטאַרק געמוסרט: מען טאָר ניט ריידן אַזויפיל שלעכטס אויף גאָטס קינדער. אַ נביא דאַרף מתפלל זיין פאַר זיין פאָלק, ווי משה רבנו האָט עס געטאָן, פון דעמאָלט אָן — דערציילט אונדז ווייטער די אַגדה — האָט אליהו אויף זיך גענומען צו פאַרצייכענען אַלע מצוות און גוטע מעשים וואָס ייִדן טוען. פירט מען ייִדישע קינדער צו דער חופה — איז אליהו מיט זיי. ווערט אַ ייִדיש

קינד אַרײַנגעבראַכט אין דעם בונד פון אברהם אבינו, קומט דער נביא, דער באַשיצער, און זעצט זיך אויף זײַן שטול, כסא אליהו. און ווען דער מענטש פאַרענדיקט זײַן וועג אויף דער וועלט, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, באַגעגנט אים אליהו הנביא און איז פאַר אים אַ מליץ יושר. אין מדרש „תנא דבי אליהו" ווערט געזאָגט אַז אליהו האָט מתפלל געווען צו גאָט מיט די ווערטער: „האַר פון דער וועלט, איך וויל אויף זיך נעמען די זינד פון די קינדער פון ישראל אין אַלע פלעצער וווּ זיי וווינען" (רבונו של עולם, בני ישראל אני כפרתן בכל מקומות מושבותיהם). די אַגדה דערציילט, אַז ווען אַ ייִד דאַרף לויטן חשבון גיין אין גיהינום, נעמט אויף זיך אליהו די שטראָף און ער גייט אין גיהינום, און דערפאַר זינגען ייִדן שבת צו נאַכטס די אליהו־זמירות. ר' משה קאָרדאָוועראָ פון די גרעסטע מקובלים, זאָגט אין ספר הפרדס: אַז אליהו הנביא איז לכתחילה געבוירן געוואָרן אַ מלאך. ווען מ'דאַרף אים האָבן נעמט ער אויף זיך אַ קערפּערלעכן לבוש און גייט אַראָפּ אויף דער ערד טאָן זײַן אַרבעט. ווען גאָט האָט באַשאַפן די מענטשן, האָט ער זיך באַראָטן מיט די מלאכים. זענען געווען פיל מלאכים וועלכע האָבן אים געזאָגט: „וואָס איז דער מענטש ווערט אַז די זאָלסט אים דערמאָנען (מה אנוש כי תזכרנו). צווישן די מלאָכים איז אויך אליהו געווען און ער איז געווען דער אייציקער מלאך וועלכער האָט ניט מקטרג געווען אויפן מענטש. אַזוי האָבן די מיסטיקער געזען אליהו הנביא, און ער איז פאַרבליבן אַ מענטשלעך וועזן. מיט אים זענען מיר געוואָרן היימיש, ווײַל דער פּשוטער ייִד האָט צום אַלעם ערשטן געפונען דאָס מענטשלעכע אין אליהו הנביא.

אָבער די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט טענות צו אליהו הנביאן, וואָס אין די געטאָס איז ער ניט געקומען העלפן. ער האָט מיט די פאַרפײַניקטע ייִדן אין דער פּסח־נאַכט ניט געטרונקען דעם חמצדיקן ווײַן.

זינגט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי:

## אַ בריוו צו אליהו הנביא

אַלטער בשורה־טרעגער, אליהו,
איך האָב פאַרלאָרן אַלע אַדרעסן,

שרײַב איך איצט אַ בריוו צו דיר.
האָסט אַלטע פרײַנטשאַפט זיכער ניט פאַרגעסן,
ווען כ׳פלעג דיר קינדווײַז עפענען די טיר.

ניט איין מאָל דיך געפירט מיט ציטער און מיט תפילה
צום יום־טובדיקן טיש, צום כּוס מיט ווײַן.
עס קען ניט זײַן, זאָלסט איצט ניט וועלן אויסהערן
מײַן ביטערע מגילה,
עס קען ניט זײַן.

כ׳האָב לײַכטזיניק פאַרשניטן אַלע דײַנע שפּורן
און אויך די ווײַטקייט פון מײַן הימל,
און אויך די וואַרעמקייט פון גלויבן.
עס שטייען מײַנע לידער איצטער נאַקעטע, ווי הורן.
נאָר דײַנע מעשהלער פאַרדעקן זיי ווי טויבן.

צווישן אונדז אַזעלכע פרעמדע תּהומען זײַנען אויפגעקומען,
איך האָב, זעט אויס, געגראָבן זיי אומזיסט.
איך שווער, איך האָב געוואָלט פאַרזייען זיי מיט בלומען,
ס׳איז ניט מײַן שולד, וואָס זיי זײַנען פאַרשאָטן איצט מיט מיסט.

איך האָב געוואָלט דערגראָבן זיך צו זיסע קוואַלן,
פאַר זיך קיין טראָפּן ניט גענומען,
ניט אײַנגעשלאָגן ערגעץ ניט פאַר זיך קיין סלופּ.
דו האָסט איידל אויסגעפורעמט מיר מײַן האַלדז און גומען,
ווי איידל דו פלעגסט טאָן פון כּוס אַ זופּ.

עס שטיקן זיך אין האַלדז בײַ מיר אַזויפיל נעמען...
כ׳האָב מורא פרעגן דיך, און זאָג מיר גאָרניט,
אויב ס׳האָט עפּעס זיך געטראָפן...
גיב אַ ריר דײַנע רחמימדיקע ברעמען,
פאַרלעש מײַן לאָמפּ,

און אויב עס איז צו דיר קיין בשורה ניט דערפלויגן,
פאַרלעש מײַן לאָמפּ
און מאַך מיר צו די אויגן.

אליהו הנביאס נאָמען איז פאַרבונדן, ווי מיר ווייסן, מיטן סדר פּסח, מיר שטעלן אַוועק אַ כּוס וואָס הייסט כּוסו של אליהו און מיר עפענען די טיר פאַר אליהו הנביא. מיר לאַדן אים אײַן ער זאָל קומען אָנזאָגן די גאולה.

אין דער משנה פּסחים לייענען מיר, אַז פיר כּוסות האָבן ניט נאָר געטרונקען די ייִדן, נאָר אויך די פעלקער אַרום. די גויים פלעגן טרינקען דרײַ כּוסות און נאָכדעם איז געקומען דער אַפּיקומן. כּדי צו זײַן אַנדערש, האָבן ייִדן אײַנגעפירט פיר כּוסות און דערנאָך דעם אפיקומן, און נאָכן פערטן כּוס זאָגן הלל...

פאַרוואָס פיר כּוסות? רבי יוחנן האָט געזאָגט, ווײַל עס שטייט בפירוש געשריבן: והוצאתי, והצלתי, וגאלתי ולקחתי, ד"ה אַז די פיר כּוסות זענען דער סימבאָל פון פרײַהייט. רבי טרפון האָט געהייסן טרינקען אַ פינפטע גלאָז פאַר ארץ־ישראל און פאַר פאָליטישער פרײַהייט. אין ארץ־ישראל האָט מען אָנגענומען רבי טרפונס פאָרשלאָג, אין בבל איז געווען וועגן דעם אַ ויכּוח. אין סורא האָט מען געטרונקען 4 כּוסות, אין פומבדיתא — פינעף כּוסות. איז וואָסזשע איז די הלכה? ווי דאַרף מען זיך פירן. האָט דאָס פאָלק באַשטימט, אַז אליהו הנביא וועט קומען וועט ער פאַרענטפערן אַלע קשיות. תיקו...

ווי אַ נביא וועלכער איז אַרײַן אין גן־עדן, גייט אליהו, ווי געזאָגט, גלײַך נאָך משה רבנו. די חז"ל זאָגן: עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות ואחד מהם מערה שעמדו בה משה ואליהו. וועגן אליהו הנביא ווערט נאָך דערציילט אין דער גמרא אַז אין דער צײַט פון די רוימער, ווען זיי האָבן אויסגעהרגעט אַלע תּלמידי חכמים, האָט אליהו דורך אַ טריק געראַטעוועט פון טויט נחום איש גמזון און ר' אליעזר בן פּרטאַן. שוין דאַן איז ער געווען אַ בעל־מופת וואָס קאָן ראַטעווען פון טויט און האָט ניט קיין מורא פאַר די הערשער.

די גמרא זאָגט אַז אליהו פאַרמאָגט די מידות פון אַ מלאך און די מידות פון אַ מענטש. ווי אַ מלאך העלפט ער אַלע אונטערדריקטע, ווי אַ

מענטש, אַ בשר־ודם, איז ער דער חבר פֿון אַלע צדיקים, און ער פֿאַרלאָזט זיי ווען ער זעט אַז זיי גייען ניט אין די ריכטיקע דרכים.

אליהו הנביא גייט אַראָפּ פֿון הימל און קומט אין די בתי־מדרשים ווען צי ייִדן לערנען תּורה, און ווען צוויי ישיבה־בחורים קריגן זיך צווישן זיך וועגן אַ הלכה, קומט ער אָן און פֿאַרענטפֿערט די קשיות. אויפֿן ברית נעמט ער אויף דעם רך הנולד. ער קומט צו די אָרעמע לײַט אין מוצאי שבת און דערפֿאַר, זינגט דער פּזמון: „איש חסיד היה בלי מזון ומחיה".

משה רבנו איז נעלם געוואָרן אויפֿן הר נבו, און אליהו איז נעלם געוואָרן און אַרויף צו די הימלען ברכב אש. דאָס איז צו באַווײַזן נאָך אַ פּאַראַלעל צווישן משה רבנו און אליהו הנביא. אליהו ווי מיר האָבן געזאָגט, שטאַמט פֿון תּשבי, פֿון גליל, און לויט דער מסורה וועט די גאולה זיך אָנהייבן פֿון גליל.

אַ לעגענדע דערציילט, אַז דער בעש"ט איז געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל און די שיף איז געוואָרפֿן געוואָרן דורך כוואַליעס, און האָט זיך געהאַלטן בײַם דערטרינקען, זענען זיי ניצול־געוואָרן פֿון טויט אַ דאַנק דעם בראָוון קאַפּיטאַן, און דער קאַפּיטאַן איז געווען אליהו הנביא.

אליהו הנביא איז דער אייביקער וואַנדערער, דער אורח בײַ ייִדישע טישן, מרפּא חולים, מאַכט בטל גזירות, דאגהט פֿאַר פּרנסה פֿאַר אָרעמע לײַט (י. ל. פּרץ: — סדר פּסח). והשיב לב אבות על בנים... אונדזער אליהו הנביא קומט שטענדיק מוצאי־שבת צו אונדזערע מאַמעס, צו אונדזערע ייִדן: במהרה יבוא אלינו, מיט דער האָפֿענונג אַז אָט־אָט קומט ער אָן. עס הייבט זיך אָן אַ וואָך פֿון אַרבעט, מיט דאגות פּרנסה, דערפֿאַר דאַרף מען אים האָבן שבת־צו־נאַכטס נאָך דער הבדלה.

פּסח קומט ער צו גיין, ווײַל פּסח ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר דעם יום טוב ווען דאָס פֿאָלק האָט אָנגעהויבן זײַן לעבן, אַרויס צו פֿרײַהייט, דאַרף מען אים האָבן ער זאָל ווײַזן דעם וועג און געבן צו פֿאַרשטיין וואָס באַדייט פֿרײַהייט.

ער קומט צום ברית, ווײַל דאָ איז געבוירן אַ נײַער ייִד, אַ ייִד וועלכער איז שטענדיק דער סימבאָל פֿון היהודי הנצחי.

אין אַלגעמיינעם פֿאָלקלאָר איז דאָ נאָך אַ וואַנדערער, פֿון 13־טן י"ה — אַחאַסוועראָ, ער האָט גאָרניט צו טאָן מיט אחשורושן, און ווי אליהו

איז אויך ער אומשטערבלעך, אויך ער קומט אויף די אַלע פּלעצער ווו אליהו קומט.

לויט דער קריסטלעכער לעגענדע, ווען מ'האָט געפירט ישון צו דער גולגותא, האָט ישו זיך געוואָלט אָפּרוען אויף אַ באַנק, דאָרטן איז געזעסן אַחאַסוועד און האָט אים ניט געלאָזט זיך אָפּרוען אויף דער זעלבער באַנק, אים אַוועקגעטריבן, און געזאָגט צו ישון: „לך לך כי זה הגורל המגיע לך". ווי אַ שטראָף לײַדט אַחאַסוועד יסורים. ער איז נע ונד, האָט ניט קיין רו. אַפּילו ניט קיין קבר, און אַחאַסוועד וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן. אפשר שטאַמט די לעגענדע וואָס ווערט געבראַכט אין תּלמוד, אַז רבי איז געזעסן אין ציפּורי און מ'האָט געפירט אַ קעלבל צו דער שחיטה. דאָס קעלבל האָט זיך געפּרוווט באַהאַלטן אונטער דער פּאָלע פון רבין און האָט אָנגעהויבן מעקען, ווי אײַנער זאָגט: ראַטעווע מיך. רבי האָט דאָס קעלבעל אַוועקגעטריבן און האָט דעם קעלבל געזאָגט: „מה אני אעשה בשבילך? לך, כי לכך נוצרת, און אַלס עונש איז רבי 13 יאָר קראַנק געווען ביז אליהו הנביא האָט אים אויסגעהיילט.

בײַ ביאַליקן אין „מתי מדבר" זעען מיר דעם וואַנדערער אין געשטאַלט פון זעכציק טויזנט געפאַלענע אין מדבר. זיי ליגן טויטע אָבער אין די טויטע ברויזט דער פּאָטענציאַל פון לעבן. זינגט ביאַליק: פּתע פּתאום יתנער דור עזוז וגבורה, דור גיבור מלחמה, ועיניהם ברקים ופניהם להבים וידיהם לחרבות. והרעימו אדירים בעולם, קול ששים רבבה. הם קוראים: אנחנו גיבורים, דור אחרון לשיעבוד וראשון לגאולה אנחנו. די זעכציק טויזנט גבורים שרייען: מיר זענען די לעצטע פון דער פאַר־שקלאַפונג און די ערשטע צו דער אויסלייזונג. איז דער אַ וואַנדערער דאָס אָפּבילד פון דער וווּנדערלעכער געשטאַלט אליהו הנביא: מבשר הגאולה. אויף דעם זאָגט ביאַליק: גילוי אליהו.

אליהו הנביא, ווו נאָר ער דערזעט אַ סכנה פאַרן ייִד איז ער דאָ. זינגט מאַני לייב:

## אליהו הנביא גיט עסן די טויבן

אין דער שעה, ווען דער צער און די צרה
פאַרלירן די שליטה אויף מענטשן,

קומט צו גיין אויפ'ן מאַרק אליהו,
דער נביא פון טרייסט און פון רחמים,
אויף דער פּלייצע אַ זעקל מיט גרויפּן,
געבן עסן אין מאַרק אַלע טויבן.

— קומט אַהער, אַלע פּאַרכטיקע טויבן,
קומט, איר הייליקע פייגל פון פרידן! —
און ער שיט אויף דער ערד, ווי אַ זייער,
פון זײַן זעקל מיט פולינקע הויפנס
פאַר די טויבן די ברוינלעכע גרויפּן.

קומען אָן פונ'ם מאַרק אַלע טויבן,
זיי קומען מיט פּאַרכטיקן ברומען,
און זיי רינגלען אַרום אליהו'ן,
און זיי קלייבן די ברוינלעכע גרויפּן,
און זיי פלאַטערן אויף זיינע אַקסלען.

און אַז פּלוצים פאַרנעמט אליהו
פון ערגעץ אַ רוף פון סכּנה,
טרײַבט ער אָפּ מיט'ן זעקל די טויבן,
טוט זײַן באָרד אין דער זון נאָר אַ טרייסל,
און ווערט נעלם פון מאַרק אין די ווייטן.

אַדאַנק אליהון האָבן די ייִדן געקראָגן די תּורה. און אַזוי דערציילט אַ פאָלקלאָריסטיש ייִדיש ליד: אַ מאָל איז געווען אַ מעשה, די מעשה איז זייער פריילעך, די מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ ייִדישן מלך. דער ייִדישער מלך האָט געהאַט אַ בת יחידה, דאָס מיינט מען אונדזער תּורה. כּל אלפים שנה, אַלע טויזנט יאָר איז דער מלך געפאָרן מיט איר אַ שידוך טאָן. איז ער געקומען צו דער אומה גויים, האָבן זיי אים געענטפערט ווי די רשעים, איז ער געקומען צו דער אומה פריצים, האָבן זיי אים געענטפערט פאַלשע תּירוצים. אויף די פאַלשע תּירוצים האָט דער בורא אָנגעהויבן צו זידן, איז געקומען אליהו הנביא, האָט ער די תּורה נאָראַיעט די ייִדן;

די תורה איז די ייִדן זייער געפעלן, אין דרײַ טעג אַרום די חופּה צו שטעלן״...

ווי אַ מבשר פון גאולה זינגט דאָס פאָלקס־ליד: „אליהו הנביא שטייט אויף אַ גרויסן לייטער און וועט טאָן אַ גרויסן טרומייטער: אַהיים — אין אײַער לאַנד — וועט ער זאָגן, הערט אויף יאָמערן און קלאָגן״.

נאָך אין אַ ליד זינגט זיך: „אליהו הנביא זיצט אויבנאָן, אין גאָלד און זילבער אָנגעטאָן. ער האַלט דעם בעכער אין דער רעכטער האַנט מאַכט ער אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד״.

אַ וווּנדערבאַרע לעגענדע איז געשאַפן געוואָרן און געקומען אויך צום אויסדרוק אין ליד, ווי גאָט גייט געבן די תורה, און וויל זי ניט געבן אדם הראשונען, ווײַל ער האָט מיט חוהן צוגעזינדיקט; ער וויל נישט געבן די תורה צו נח הצדיק, ווײַל ער איז געווען אַ פּיאַניצע און איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געפלאַנצט אַ כּרם, כּדי צו שיכּורען, און אויך דערפאַר ווײַל ער האָט געהאַט אַ זון חם; אויך אברהם אבינו קריגט ניט די תורה, פאַר צוויי חטאים, פאַרן חטא פון אַ פּילגשל מיטן נאָמען הגר, און פאַר געבוירן אַ זון מיטן נאָמען ישמעאל; יצחק הצדיק האָט אָפּגענאַרט עשׂיון, יעקב אבינו האָט אַ סך חטאים, דער עיקר — חתונה האָבן מיט צוויי שוועסטער; אהרון הכהן איז נישט פּאַסיק פאַרן חטא מיטן עגל; דוד המלך — פאַרן חטא מיט בת שבע; שלמה המלך — פאַרן חטא פון טויזנט ווײַבער. ווען גאָט לייגט זי פאַר משה רבנון, ענטפערט די תורה: „יאָ, פאָטער, דאָס קאָן גרייִלעך זײַן אַז משה רבנו זאָל מײַן מאַן זײַן. ער וועט זיצן פערציק טעג אויפן הימל וועט ער מיך קאָנען מפרנס זײַן״ — און מיט אים — אליהו הנביא דער מבשר פון גאולה.

אָט איז אַ ליד, מיט אַ רוסיש־פּוילישן דיאַלעקט, פאַרשריבן דורך פאָלקלאָריסטן, ווי אַזוי די אבות דאַרפן פועלן בײַם רבונו של עולם ער זאָל אומקערן די ייִדן אין זייער לאַנד צוריק: „אברהמניו, אברהמניו, טי סטאַרושעק טי נאַש, יצחקניו, יצחקניו, דיעדושעק טי נאַש, יעקבניי, יעקבניו, אָטיעץ טי נאַש, טשעוואַש ווי ניע פּראָסיטע, טשעוואַש ווי ניע פּראָסיטע פּאַנאַ באָגאַ זאַ נאַס? זשעב נאַשו כאַטקו וויסטראָילי, נאַשו זעמליו וויקופּילי, נאַס בי וו׳זעמליו אָטוואָדילי, וו׳נאַשו זיעמלו נאַס, וו׳באַשו זיעמלו נאַס״...

דאָן גייט די ווענדונג צו משהניו: משהניו פּאַסטושעק טי נאַש, אהרניו, דודוניו, פּאַסטוך טי נאַש, שמואלניו, פּרעדווידיעץ טי נאַש, דודוניו, דודוניו, קרוליק טי נאַש. א. א.וו. און דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט גאַטס ענטפער: סינאַק, סינאַק כאַטקאַ בענדאַ וויסטראָענאַ, זעמליאַ בענדאַ וויקופּיאָנאַ, טיש וו׳זיעמלו אַטוויעזיענו, באַנדז מאַנדרי, טשעקאַי קאַנצו — ונשירה שיר חדש הללויה״.

די אַלט־נייַע יידישע פאָלקסשאַפונג שטייט אונטערן צייכן פון תנכ״ישן גייַסט. אויך די פאַרגלייכן: שיין ווי יוסף הצדיק, אַן עניו ווי משה רבנו, קלוג ווי שלמה המלך, ער האָט אַ מראה פון אַ כהן גדול. ז׳ איז שיין ווי אסתר המלכה. א ברכה צו מאַכן. וועגן חסרונות: באַריש ווי למך, שיכור ווי לוט, פאַלש ווי לבן הארמי, גראָב ווי עשו, שלעכט ווי המן הרשע, אַ טיפּש ווי קעניג אַחשורוש, אַ רשע ווי טיטוס, אַ זינדיקער ווי ירבעם בן נבט, רייַך ווי קורח, אָרעם ווי דלפון. אויך וועגן אַנדערע באַגריפן: גרויס ווי גוג ומגוג, הויך ווי המנס תליה, גרויס ווי עוג מלך הבשן, לאַנג ווי דער יידישער גלות, אַלט ווי תרח אָדער ווי מתושלח, קליין ווי אַ יוד אין ויזתא, שווער ווי קריעת ים סוף, און גוט ווי אליהו הנשיא...

אין דער יידישער דיכטונג פאַרמאָגט אליהו הנביא אַ גאַר־בכבודיק מזרח־אָרט. האָט מען פאַרמשכנט דאָס סאַמעטענע קלייד דער מאַמעס קומט אליהו הנביא ביַי מאַנגערן אויסלייזן דער מאַמעס קלייד. און ער, דער פאָטער ר׳ עליע התשבי, ווערט אַ מחותן פון כלה צד.

## אַ ליד וועגן אליהו הנביא

דער אַלטער אליהו הנביא
גייט ווי אַ בעטלער פאַרשטעלט,
מיטן פידל אונטערן אָרעם
זינגט יאָרן איבער דער וועלט.

פון דאָרפישע יידישע היימען
שפילט ער אַרויס די שרעק,
פאַר גוי׳אישע בייזע וואַנסיעס,
פאַר גוי׳אישע שאַרפע העק.

און דעם שענסטן כּלה־מיידל
טוט ער אַ פֿינגערל אָן,
און דעם בעסטן חדר־ייִנגל
שענקט ער אַ קיכל מיט מאָן.

און שפּילט ער אַמאָל אין אַ שטעטל,
ווו ס'טומלט און זידט אַ יריד,
ווערט די זון — אַ גאָלדן רענדל
אין דער האַנט פֿון אַ יעדן ייִד.

נאָר דעם שענסטן ניגון שפּילט ער
פֿאַר דעם סאַמע אָרעמסטן הויז,
ער שפּילט פֿון הינטער די וואָלקנס
די סעפּטעמבער־לבֿנה אַרויס.

דער שינדל־דאַך ווערט פֿון זילבער
און די קינדער שמייכלען אין בעט,
זיי זעען פֿאַר'כּישופֿ'טע לענדער
און ווײַטע פֿאַר'חלומ'טע שטעט.

און דער טאַטע האַנדלט און וואַנדלט
און ברענגט אַהיים פֿון דער וועלט
אַן אמת'ן גרויסן מאַיאַנטיק,
באַרליאַנטן, צירונג און געלט.

פֿאַר דער מאַמען אַ בראָש, אַן אַנטיקל
וואָס פּאַסט צו איר סאַמעטן קלייד,
פֿאַר די קינדער פּײַגן און מאַנדלען,
אַט פּונקט ווי אין חומש שטייט.

און דער פּראָסטער מיטוואָך ווערט יום טובֿ,
מיט חלה, מיט ווײַן און מיט פֿיש,

מיט ראַסל־פלייש, בולבעס און צימעס,
אַז ס'ברעכט זיך אַזש דער טיש.

אויף דער שוועל שטייט אליהו הנביא,
אַ קלעזמער פון נעבטיקע טעג,
ער נעמט די לבנה אין טאַרבע
און לאָזט זיך ווייטער אין וועג — —

(איציק מאַנגער)

אליהו הנביא איז דער ערלעכסטער רעפּרעזענטאַנט אין דער לעגענדע און אין דער ליטעראַטור פון אָרעמען מענטש. ער איז דער פאַרשער פון יידישער אָרעמקייט. דער פאַרשער און דער מפרש. ער זעט דעם אור הגנוז אויף אַלע יידישע שוועלן. ער איז דער ניסתר, וואָס אַלע וויסן, אַז אויב ס'איז דאָ גוטסקייט אויף דער וועלט, איז עס אין זיין זכות. נישטאָ קיין פּראָטעסט און פאַרביטערטקייט. נישט אַלץ דאַרף זיין געזונט גענוי און געמאָסטן. דאַרף מען קפיצת דרך — מאַכט ער קפיצת הדרך. ער בעט נישט קיין דערלויבעניש, פון דער גרויער ווירקלעכ־קייט אַרום. אויב דאָס הארץ איז מחייב איז ער דאָ. מיטן רוח אלוהים וואָס שוועבט איבער די וואַסערן, שוועבט דאָס געשטאַלט פון אליהו הנביא מיט אַלע כּלים פון נפש.

אליהו הנביא איז אַ גרויסער קאַפּיטל פון מסירת נפש. ער ווייסט, אַז עס איז דאָ הימלישע לויטערקייט ווי זישע לאַנדוי זינגט עס אויס אין זיין ליד. ער ווייסט, אַז דעם גאַנצן כּוח החיים דאַרף מען, אָוועקגעבן כּדי צו העלפן אַ קימפּעטאָרן. ווי עס זינגט מאַני לייב, אַז אויב מ'דאַרף ראַטעווען אַ ייִד פאַרקויפט זיך אליהו הנביא פאַר אַ קנעכט.

אָט אַ שטייגער:

## אליהו דער קנעכט

טיף אין אַ וואַלד אויף אַ הינערשן פיסל
שטייט זיך אַ שטיבל די גרייס ווי אַ ניסל;
שטייט זיך דאָס שטיבל פאַרוויט ביי אַ פלויט, —
וווינט דאָרט אַ ייִד מיט זיין דלות און נויט.

שטייט אויף דער ייִד נאָך אין בלויען באַגינען
ברויט פאַר די קינדער אין מאַרק צו פאַרדינען.
קומט ער אין מאַרק און ער קוקט אויף די ווענט,
קומט ער אַהיים מיט די ליידיקע הענט.

זעט שוין די ווייַב, ווי זיי זיינען דאָ אָרים.
טראָגט זי אין משכון פון אַלמער די ספרים.
טראָגט זי אין משכון די לייכטער פון שראַנק,
ביז זי פאַר'משכנ'ט איר דרשה־געשאַנק.

קינדערלעך קליינע דעם הונגער צו שטילן —
טראָגט זי אין משכון דעם טלית און תפילין.
שטעלט זיך דער ייִד אויפ'ן שוועל אין דער ברייט:
— אונדז איז נאָך עפּעס פאַרבליבן אין נויט.

איך בין דער טאַטע און איך בין דער שפּייַזער,
גיב מיר אַ זאַק וועל איך גיין אין די הייַזער...
גייט ער אין הייַזער און קוקט אויף די ווענט,
קומט ער צוריק מיט די ליידיקע הענט.

קינדערלעך קליינע דעם הונגער צו שטילן,
נעמט שוין די מאַמע דעם טלית און תפילין.
לאָזט זי דער ייִד פונ'ם שטיבל ניט גיין,
שטייט ער בייַם שוועל מיט אַ ביטער געוויין:

— האָב זיך, מייַן ווייב, איבער הייזער געטריבן;
אין אונדזער נויט איז נאָך עפּעס פאַרבליבן:
פיר פאַר אַ קנעבט מיך פאַרקויפן אין מאַרק,
איך בין געזונט און מייַן כוח איז שטאַרק.

ווערט אין דער שטוב אַ גרויסע יללה:
נעמט אים די ווייַב פאַר אַן עק פון זייַן פאַלע,

פירט פאַר אַ קנעבט צו פאַרקויפן איר מאַן.
גייט ער איר נאָך אויף אַן אייל מיט אַ שפּאַן.

און אויפ׳ן מאַרק — מיט די רענדלער אויף טאַצן,
שטייען די סוחרים און דינגען און שאַצן,
קויפן זיך קנעבט און פאַרקויפן די קנעבט,
צאָלן מיט רענדלער מזומן און עבט...

טראַכטן־באַטראַכטן די סוחרים דעם ייִדן.
בעט זיך די ווײַב: בין אַ רענדל צופרידן...
— אויך מיר אַ סחורה! — פאַרדאַרט ווי אַ שטרוי,
ווערט איז דיין קנעבט נאָר די שאָל פון אַן איי!

גייען זיי ביידע אַהיים צו די קינדער,
גייען זיי ביידע ווי עלנדע רינדער,
זיצן זיי ביידע ביים וואַלד אויפ׳ן וועג,
וויינען זיי ביטער אויף זייערע טעג.

האָט אליהו דאָס וויינען פאַרנומען,
איז ער פון ווײַטע נסיעות געקומען,
באָרוועס און יונג, אין אַ גוי׳שער העמד,
קענטיק אַ מענטש, וואָס ער קומט פון דער פרעמד.

טרייסט ער זיי ביידן, די שווערע געמיטער:
— פינצטער דעם טויטן, דעם אביון איז ביטער,
איר וועט נאָך לעבן אין נחת און גליק...
און ער נעמט שלעפן פון בוזים אַ שטריק.

— איך בין אַ קנעבט פון מײַן האַרן אַנטלאָפן,
טעג ניט געגעסן און נעכט ניט געשלאָפן,
טאָמער אין פאַנג וועט מיך האָבן מײַן האַר,
וועל איך שוין האָבן מײַן פינצטערן שכר.

נעמט אַט די שטריק און פאַרבינדט אין צוויי שלייפן,
פירט מיך אין מאַרק פאַר אַ קנעבּט צו פאַרקויפן,
לאָזט זיך ניט נאַרן, ווייל גרויס איז מײַן ווערט,
מיר איז דאָך סײַ ווי מײַן קנעבּטשאַפט באַשערט!

בינדן זיי ביידע די שטריק אין צוויי שלייפן,
פירן זיי ביידע דעם קנעבּט צו פאַרקויפן:
איינמאָל אַ קנעבּט! — האָט דערפרייט זיך דער מאַרק:
דעמבּעס די הענט און פון אייזן דער קאַרק.

האָבן די סוחרים זיך לאַנג ניט געדונגען,
האָבן די גאָלדענע רענדלעך געקלונגען,
און פאַר׳ן קנעבּט האָט מען תיכּף באַצאָלט,
וויפיל דער ייִד מיט׳ן ווײַב האָט געוואָלט.

## אַ ליד וועגן אליהו הנביא

אליהו הנביא׳ן דאַרף מען ניט זוכן,
אליהו הנביא איז וווּנדער און נס.
ער קומט מיט מתּנות, מיט שמייכל און חסד,
נעם די מתּנות, — פאַרגעס.

פאַרגעס אַז דער אַלטער געווען אין דײַן שטוב,
פאַרגעס אַז דו האָסט אים אויף גאַסן געטראָפן.
אַ נס אַרײַן אין דײַן הײם און אַוועק.
אַ וווּנדער האָט זיך פאַרלאָפן.

נאָך הײַנט גייט דער אַלטער אויף ייִדישע גאַסן,
קלײַבּט אין אַ פעסל ייִדישע טרערן,
קליין איז דער כּוס, ער דאַרף שוין אַ פעסל.
אין כּוס — צוויי־דרײַ ליכטיקע שטערן.

אין חלום געזען כ'האָב די צוויי גוטע אויגן,
געפילט ווי אין חלום זײַן חניק באַריר.
געהערט זיינע ווערטער און כ'גלויב אויף אַן אמת
ער וועט מיר העלפן שרײַבן אַ שיר.

אַ שיר ווי מײַן לעבן וועט אַלעס דערציילן,
אַז ניסים און וווּנדער באַלויכטן מײַן ליד,
דער אַלטער צעוואָרעמט די ייִדישע אותיות,
גלייב מיר, ס'איז אמת, ווי איך בין אַ ייִד.

(י. ח. בילעצקי)

דערציילן לעגענדעס, ווי א. מענעס האָט זיי פאַרשריבן אין זײַן אליהו־בוך:

## יקיר־שוסטער, דער תהילים־רופער

אין סאַכאַטשעוו איז געווען אַ שוסטער, האָט מען אים גערופן יקיר־שוסטער, ער האָט געהאַט אַ מנהג: ווינטער אַלע פרייטאָג־צונאַכטס אַזייגער דרײַ האָט ער גערופן צו תהילים זאָגן. אָנגעהויבן האָט ער עס פון פרשת לך לך ביז שבת הגדול. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל און האָט הויך אויפן קול געזאָגט (מיט אַ ניגון).

הערט נאָר אויס, מיינע ליבע לײַט,
וואָס כ'וועל אייך זאָגן:
דער זייגער האָט שוין דרייע געשלאָגן,
ס'איז שוין צייט תהילים צו גיין זאָגן.

האָט דער יקיר־שוסטער דערציילט אַזאַ מעשה: איין מאָל איז ער פרייטיק־צונאַכטס אַרויסגעגאַנגען פון זײַן שטוב צו רופן תהילים זאָגן, איז אים אָנטקעגנגעקומען אַ ייִד אין אַ ווײַס שטריימל, מיט אַ ווײַסער קאַפּאָטע, מיט אַ לאַנגער גרוי־ער באָרד, און האָט צו אים געזאָגט: „ווייסט, יקיר, אַז דיין תהילים רופן מאַכט אַ רעש אין אַלע זיבן הימלען". און ער איז פאַרשווונדן געוואָרן. און דאָס איז זיכער געווען אליהו הנביא.

# אליהו הנביא און משיח בן דוד

אונדזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט:

ר׳ יהושע בן לוי איז געווען אַ צדיק גמור. ווען ס׳איז געקומען זיין צייט אוועקצוגיין פון דער וועלט האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט צום מלאך המות: גיי און טו זיין לעצטן ווילן, אַלץ וואָס ער וועט פון דיר פאַרלאַנגען. איז דער מלאך המות צו אים געקומען און האָט צו אים געזאָגט: עס איז געקומען דיין צייט דו זאָלסט אוועקגיין פון דער וועלט, אָבער אַלץ וואָס דו וועסט פון מיר פאַרלאַנגען וועל איך טאָן. האָט ר׳ יהושע אים געענטפערט: איך בעט ביי דיר דו זאָלסט מיר ווייזן מיין פלאַץ אין גן עדן...

...און דאָס איז דער בריוו וואָס ר׳ יהושע האָט געשיקט פון גן עדן צו רבן גמליאל און די זקנים פון ישראל...

...דער פינפטער היכל אין גן עדן איז געבויט פון זילבער און גאָלד, פון גלאָז און קריסטאַל, און דער טייך גיחון ציט זיך דורך אים, און ברענגט מיט זיך אַלע טייערע ריחות פון לבנון... און אַ הימלבעט איז דאָרט פאַראַן וואָס דער מלך שלמה האָט געמאַכט פון די האָלץ פון לבנון. די זיילן זיינען פון זילבער, דער אָנלען איז פון גאָלד און אויסגעבעט איז עס מיט פורפור. אינעם דאָזיקן הימלבעט רוט משיח, וואָס ער איז די ליבשאַפט פון די טעכטער פון ירושלים.

און אליהו זכור לטוב נעמט משיחס קאָפּ צו זיך אין שויס און זאָגט צו אים: זיי שטיל וואָרום דער קץ איז נאָענט! און די אָבות פון דער וועלט און די שבטים, און משה ואהרן, דוד און שלמה און אַלע מלכים פון יהודה און ישראל קומען יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און יעדן שבת און יום טוב און ווייגען מיט אים צוזאַמען און טרייסטן אים און זאָגן צו אים: זיי שטיל, פאַרלאָז דיך אויף דיין באַשעפער, ווייל דער קץ איז נאָענט!

אויך קרח און זיין עדה און דתן ואבירם און אבשלום קומען צו אים יעדן מיטוואָך און פרעגן ביי אים: ווען קומט שוין דער פאַרהוילענער קץ, און ווען וועסטו אונדז ווידער לעבעדיק מאַכן און פון די טיפענישן פון דער ערד אונדז אויפברענגען? און ער זאָגט: גייט פרעגן ביי אייערע אָבות — אָבער זיי שעמען זיך און גייען ביט.

און אז איך בין געקומען פאר משיחן האט ער מיך געפרעגט און געזאגט צו מיר: וואס טוען ייִדן אויף דער וועלט פון וועלכער דו קומסט? האב איך געזאגט צו אים: זיי װארטן אויף דיר טאג אין טאג. און באלד האט ער אויפגעהויבען זײַן קול און געוויין.

צווישן מענטש און זײַן באשעפער איז דא נאר איין פארמיטלער — דאס ווארט. דאס איז דער צוגאנג פון דער שטרענגער נביאיש־הלכהשער ייִדישקייט. די פאלקס־פאנטאזיע האט פון דעסט וועגן ניט געקאנט איינגאנצן שלום מאכן מיט דעם אבסטראקט־שכלדיקן נביאישן מאנאטעיזם און די תלמודישע אגדה האט ווידער ארײַנגעבראכט אין דער ייִדישער אידייען־וועלט א גאנצע ריי געשטאלטן: די מלאכים, די אבות, די כנסת ישראל און די גאנצע פמליא של מעלה. אפילו די תורה און די אותיות פון דער תורה האבן אין דמיון פון די בעלי־אגדה באקומען לעבן און געשטאלט. נאך שטארקער איז די בענקעניש נאך געשטאלטן ארויס־געבראכט געווארן אין דער ייִדישער מיסטיק, אין דער קבלה־ליטעראטור. די הלכה האט מיט כוונה פראקלאמירט דעם פרינציפ פון **לא בשמים היא**, די תורה איז ניט מער אין הימל. אנטקעגן דעם האט די קבלה ווידער אויפגעריכט די בריק צווישן הימל און ערד. די יודעי ח״ן (חכמה נסתרה) פארטיפן זיך אין די פארבארגענע סודות פון דער תורה. מיטן כוח פון שמות און צירופים, תעניתים און סיגופים קומען זיי אין דער נאענטסטער פארבינדונג פון ישיבה של מעלה און די תורה ווערט ווידער א תורה פון הימל.

פארנעמט דעריבער די אליהו־געשטאלט גאר א באזונדערן פלאץ אין די זעונגען פון די מקובלים. ווען רבי שמעון בן יוחאי און זײַן זון רבי אליעזר האבן זיך דרײַצן יאר פארבאהאלטן אין א הייל, אויס מורא פאר די רוימער, פלעגט אליהו, זכור לטוב, קומען צו זיי צוויי מאל א טאג און לערנען מיט זיי תורה און אזוי אנטפלעקט אליהו אויך די סודות התורה צו די באנײַער פון דער ייִדישער מיסטיק אין 12־טן יארהונדערט.

אליהו הנביא אין דער ייִדישער ליטעראטור איז א הויפט־געשטאלט. די באגלייטער פון אליהו הנביא זענען די ל״ו־ניקעס, וועלכע גייען ארום, ווי אין משה קולבאקס ליד אויף פארוואקסענע שליאכן, פארשיכורט פון ריחות. שטילע נשמות געבאדענע אין טוי. די וועלט איז א רעטעניש, ער וויל די רעטעניש באשיידן אויף זײַן וועג.

ל״וו־ניקעס וואָס ריכטן אָפּ גלות און גייען אין די פוס־טריט פון אליהו הנביא, גייען איבער יידישע שטעטלעך, איבער פאַרגעסענע וועגן און קומען שטענדיק אָן צו דער צײַט העלפן.

זינגענדיקע נשמות. שטראַלנדיקע העלדן. שוויַיגנדיקע שאָטנס אַזוי ווי די דעמבן. זייער נשמה — צווישן נאַכט און פרימאָרגן. פאַרמאַטערטע נשמות אָבער פול מיט גלויבן אין לעבן.

אליהו הנביא מיט זײַנע ל״וו־ניקעס גייען מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, אַלע אין אַן אָרעמאַסקן הילוך.

לייוויק האָט אָנגעהויבן שרײַבן אַ דראַמע וועגן ל״וו־ניקעס. ער האָט זיך געווענדט צו י. אָפּאַטאָשו, ער זאָל אים ענטפערן אויף עטלעכע שאלות. צווישן זיי: צי קאָן אַ גביר זײַן אַ למד־וואוניק, אָדער ער מוז זײַן אַן אָרעמאַן. אליהו הנביא האָט אונדז געלערנט: „פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק״. פון דער אָרעמער מאַסע קומט ער אָן. די לעגענדע פראַוועט יום טוב און זינגט אויס אַלע מעשיות און ניגונים. אליהו הנביא איז דער עטישער גאַנג צום ליַידנדיקן; גאַנג צום גערעכטן און ועל כולם: אליהו וואָס וויינט אויף יידישע צרות און טראָגט אין זיך דעם סוד פון גאולה.

„זינגען די גראָע פייגל<br>
אויף אונדזער אָרעמען דאַך, —<br>
די טריט פון אליהו הנביא<br>
לייַכטן אויפן שליאַך״.

(איציק מאַנגער)

אויך אין דער פּראָזע פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרנעמט אליהו הנביא זײַן בכבודיקן פּלאַץ.

בײַ שלום עליכמען, דער בן יחיד, אַ ציטעריקער בײַ טאַטע־מאַמע פון „זיבן איינער געבליבן״, אויסגעקליידט אין בגדי מלכות ווי עס פּאַסט פאַר אַ נגידס אַ יינגל, קלײַבט זיך צו דער סדר־באַכט. דער טאַטע אַוועק אין שול דאַווענען און די מאַמע בעט דעם בן־יחיד ער זאָל זיך לייגן שלאָפן, כדי ער זאָל קאָנען זיצן בײַם סדר. ווײַל: „געדענק־זשע! פסח בײַם סדר טאָר מען ניט שלאָפן. וואָרעם, טאָמער, חלילה, וועסטו אַנטשלאָפן בײַם סדר, אַזוי קומט אליהו הנביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס... פסח בײַ נאַכט גייט אליהו הנביא און קוקט: ווער עס שלאָפט בײַם סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק אַרײַן״... פאַרשטייט זיך, אַז שלום עליכמס בן־יחיד איז

אַנטשלאָפֿן געוואָרן בײַם סדר; עס חלומט זיך דעם בן־יחיד אַז דער טאַטע האַלט שוין בײַ „שפֿוך חמתך״, די מאַמע אַליין שטייט אויף פֿון טיש, גייט עפֿענען די טיר מקבל פּנים זײַן אליהו הנבֿיאן. און אונדזער בן־יחיד חלומט: אַ סקריפּ פֿון דער טיר און דער טאַטע שטייט אויף און רופֿט אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא!״. אונדזער בן־יחיד, אין חלום, קוקט זיך אײַן צו דער טיר — יאָ, — ס׳איז ער. ער גייט. ער גייט פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מען הערט. אַ שיינער ייִד אליהו הנבֿיא. אַן אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרײַז־גרויער באָרד ביז די קני, דאָס פּנים אַלט, געל, בעקנייטשט, נאָר שיין און גוט איז ער אָן אַן עק. און אויגן, אַך אויגן, גוטע, ווייכע, פֿרײַנטלעכע, ליבע, געטרײַע אויגן. אײַנגעבויגן, אָנגעלענט אויף אַ גרויסן, גרויסן שטעקן מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, און שאַ, שטיל, אָן ווערטער, פֿאַרבעט ער דאָס ייִנגעלע אין זאַק אַרײַן און דווקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

האָט קיין מורא ניט. ניט אונדזער האַרציקער שלום עליכם, ניט אונדזער אליהו הנבֿיא, מיט די ליכטיקע אויגן, וועלן, חלילה, שלעכטס טאָן דעם נגידס בן־יחיד, אויב אַפֿילו אונדזער אליהו הנבֿיא אין דער לעגענדע איז דער פֿאַרשטייער און אויסהיטער פֿון אָרעמאַן, מער ווי פֿון נגידס בן־יחיד.

קומט אונדזער י. ל. פּרץ און זאָגט: איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשׂה מיט אַ קונצן־מאַכער אין אַ וואָלינער שטעטל. אַ מעשׂה מיט חיים־יונהן וואָס גייט פֿון בית־מדרש אַהיים אין דער סדר־נאַכט און זעט, אַז אַלע פֿענצטער אין מאַרק שײַנען אַרויס מיט שׂמחה און יום־טוב, און נאָר זײַן דירה שטייט ווי אַן אָבל צווישן חתנים, ווי אַ בלינדער צווישן זעענדיקע. אונדזער חיים־יונה איז אַ בעל־בטחון. ווײַל ווי קאָן אַנדערש זײַן? אַ בן־תּורה, אַ ירא־שמים און ניט זײַן קיין בעל־בטחון? אַז גאָט וועט וועלן, זאָגט פּרצעס בעל־בטחון וועט נאָך זײַן פּסח. מ׳דאַרף ניט טרויערן. מ׳וועט אים און זײַן ווײַב רבֿקה־ביילע אַרײַנלאָזן אומעטום. ייִדן זאָגן דאָך: „כּל דכפֿין ייתי וייכול״. דאָס איז טײַטש: ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַרײַנקומען עסן. זאָגט חיים־יונה צו זײַן ווײַב: קום נעם אויף דיר די שאַל וועלן מיר גיין צום ערשטן בעסטן ייִד. אָבער דאַגהט ניט. אונדזער י. ל. פּרץ וועט ניט לאָזן אַזאַ בעל־בטחון פֿראַווען סדר בײַ פֿרעמדע טישן, ברענגט ער אין זייער שטוב אַרײַן אַן אורח, וואָס וויל זײַן אַ גאַסט

צום סדר בייַ די צוויי אָרעמע לייַט: חיים־יונה און רבקה־ביילע. און וואָס זאָל איך אייַך לאַנג דערציילן, איר ווייסט דאָך שוין אוודאי ווער דער גאַסט איז געווען און האָקוס־פּאָקוס: עס באַווייַזן זיך צוויי פּאָר זילבערנע לייַכטער. עס ווערט ליכטיק. דער אָרעמער טיש ווערט באַדעקט מיט אַ שניי־ווייַסן טישטער. פון דרייַ עקן פון שטוב קומען אָן די ה׳סבעטן
מיט אַ שניי־ווייַסן טישטעך. פון דרייַ עקן פון שטוב קומען אָן די הסהבעטן
רויטע כּוסות מיט פלעשער ווייַן און מצות, און אַלץ וואָס מ׳דאַרף צו אַ כּשרן און פריילעכן סדר, אפילו „הגדות״ מיט אַ גאָלדענעם שניט... געדענקט איר דאָך אוודאי, ווי אונדזער חיים־יונה וואָס האָט דערקענט דעם קונצן־מאַכער און איז אַוועק פרעגן דעם רב, צי אַ סדר פון פאַרבלענדעניש, פון כּישוף איז כּשר. און דער רב האָט געפּסקנט: אויב די מצה וועט זיך לאָזן ברעכן, דער ווייַן גיסן אין די כּוסות אַרייַן און די קישנס פון ה׳סבעט — אָנטאַפּן וכדומה, איז גוט, איז עס מן השמים, מעגן זיי געניסן. וכך הווה — און אַזוי איז געווען. נאָר ווען חיים־יונה איז אַהיימגעקומען איז דער קונצן־מאַכער שוין נישט געווען... האָבן זיי ערשט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא און זיי האָבן געהאַט אַ פריילעכן יום טוב.

פון שלום עליכמען און פרצן האָט אליהו הנביא פאַרבלאָנדזשעט צו ליפע דעם מילנערס זון, צו פרץ הירשביינען, ווו דער אורח איז טאַקע אליהו הנביא, ווען ער קומט צו חיים־דודן, שבת נאָך שלוש סעודות, אין אַ ווייַס אויסגעקאַלכט שטיבל און זינגט זמירות, אַ חיות צו הערן. פּרץ הירשביינס אליהו הנביא, דער האַרציקער אורח ווען ער לאָזט זיך אין וועג אַרייַן, זאָגט ער זייַנע פשוטע טייַערע ייִדן: „האָט אייַך אַ גוטע וואָך, דער רבונו של עולם וועט אייַך ממלא זייַן און איר וועט אייַערע קינדער מגדל זייַן לחופּה ולמעשים טובים. אַ ייִד באַדאַרף נאָר צופרידן זייַן מיט דעם וואָס ער האָט״. און בייַ זייַן אַוועקגיין דערזעען די פשוטע ייִדן, ווי דער ווייַן וואָס גיסט זיך פון פלאַש, ווי די בהמה מעלקט זיך בשפע, ווי אין אָרעמען זאַק בלישטשען ליכטיקע רענדלעך און פול ווערן די כּלים מיט די רענדלעך. און ווייַל דער ייִד האָט די פעסער ווייַן אויסגעגאָסן, כּדי אָנפילן זיי מיט רענדלעך, פאַרענדיקט ליפע דעם מילנערס זון מיט אַ מוסר השכל, אַז אויפן פרימאָרגן האָט זיך אויסגעלאָזט אַז שוואַרצע שערבלעך ליגן אין די כּלים, ווייַל אויסגעגאָסן דעם ווייַן, האָט מען גאָטס

חסד אַרויסגעגאָסן. קוקט חיים־דוד אָן די ליידיקע כּלים, קראַצט זיך אין קאָפּ און רעדט נישט קיין וואָרט. און אונדזער אליהו שטייט אַוודאי פונדערווייטנס און טײַטלט מיטן פינגער: לויפט ניט אַזוי נאָך די גאָלדענע רענדלעך, פאַרתכלעוועט ניט גאָטס חסד.

אַלע דורות גיבן צו אַ פּרט צו אליהוס געשטאַלט. די ייִדישע ליטעראַטור האָט בײַגעטראָגן איר חשובן חלק צו אליהו הנביאס געשטאַלט.

שלמה ביקל דערציילט אין זײַן בוך: „אַ שטאָט מיט ייִדן, אַז עבער בעל־עגלה האָט געוואָלט זוכה זײַן צו גילוי אליהו, אַז אליהו הנביא זאָל באַזוכן זײַן שטוב. די לצים פון שטעטל האָבן אָפּגעשמועסט, אַז צום ערשטן סדר וועלן זיי אַרײַנשיקן צו עבער בעל עגלה אליהו הנביאן, און זיי האָבן געפּועלט בײַ אַ פּורמאַן מיטן צונאָמען הערש לאַשיק, אַז ער זאָל אויף זיך נעמען די דאָזיקע טרחה.

אַז עבער בעל עגלה האָט געעפנט די טיר און זיך צערעוועט: „שפוך חמתך" — האָט זיך באַוויזן הערש לאַשיק מיט זײַן רחבותדיקער פּלייצע, וואָס מען האָט אויף איר געקאָנט אָפּלייגן צוויי קאָרץ תבואה אין דער ברייט, און מיט זיינע צוויי דעמבענע פיס, וואָס מען האָט אויף זיי געקאָנט אָנשפּאַרן אַ מויער. ער האָט זיך געגלעט די צוגעטשעפּעטע ווײַסע קלאָטשע־באָרד, איז צוגעגאַנגען סטאַטעטשנע צום טיש און האָט אויסגעטרונקען דעם כּוס. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעלאָפן.

דעם אַנדערן טאָג בײַ שחרית אין קלויז האָט עבער בעל עגלה דערציילט מיט גרויס פריידן, אַז ענדלעך האָט ער זוכה געווען צו זען בײַ זיך אין שטוב אליהו הנביא. אַז די חברה לצים האָבן אים מיט געמאַכטער תמימות אויסגעפרעגט, ווי אַזוי אליהו זעט אויס, איז דער בעל עגלה אַרײַן אין גרויס התפעלות: „קיין עין הרע, אַ געזונטער ייִד אליהו הנביא! אַ ברייטע פּלייצע, ווי בײַ הערש לאַשיק, און אַ פּאָר אייזערנע פיס, ווי בײַ דעם זעלבן שמײַסער־יונג. און ווייסט נאָך וואָס אין וועל אייך זאָגן — האָט עבער־בעל־עגלה פאַרזיכערט מיט גרויס התלהבות, — ס'פּנים בײַ אליהו הנביא איז אויך אות־באות הערש לאַשיק. און אַז די לצים האָבן אַרויסגעוויזן צופרידנקייט מיט זײַן אליהו האָט עבער זיך גענומען אַראָפּ־ריידן פון האַרץ. „איך האָב זיך אַלעמאָל געשראָקן — האָט ער געזאָגט — אַז אליהו הנביא זאָל ניט אויסזען ווי שבתי דראַנקע דער שמש. איך מײַן,

ער זאָל ניט זײַן אַ שוואַך און דאַר ייִדל, וואָס מ׳זאָל אים קאָנען אַוועקבלאָזן מיטן הויך פֿון מויל. אָבער גאָט צו דאַנקען: צען זייערע ניקאָלאַיעס מעגן בײַ אים די הרובע הייצן״...

פֿאַרענדיקן מיר און זאָגן: „קיין עין הרע, אַ געזונטער ייִד אליהו הנביא״.

# בעל שם־טוב

געשיכטע איז דער סכום אויספירן וואָס מיר מאַכן פון די פאַקטן, פון דעם וואָס איז געשען. געשיכטע זוכט די סיבותדיקע שייכותן צווישן די דערשיינונגען.

געשיכטע מוז פרעגן וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די כמיעל־ניצקי־פּאָגראָמען מיט דער פאַלשער משיחישער באַוועגונג אין שפּיץ פון שבתי־צבי, מיט דעם אויפקום פון דער חסידישער באַוועגונג. אָן דער שאלה אָן דער תשובה, וועלן מיר בשום אופן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס איז אויפגעקומען אין סוף זיבעצנטן י״ה און אָנהייב אַכצנטן י״ה די חסידישע באַוועגונג.

דאָס לעבן דורך דורות איז געגליכן ווי אַ בוים וואָס האָלט אין וואַקסן. אויף די עלטערע צווייַגן וואַקסן אָן נייַע. און אויף די נייַע — נייַע און נייַע.

דער באָטאַניקער און דער היסטאָריקער קומען זיך צוזאַמען ווען זיי קומען אָן צו די וואָרצלען. דאַן הייבט אויך אָן דער באָטאַניקער רעדן פון זכרון פון די וואָרצלען, ווען האָט זיך דער וואָרצל אָנגעהויבן, פון וואַנעט קומט ער. אַזוי אויך דער היסטאָריקער: ער רעדט פון פאַקטן און פאַקטאָרן. דער היסטאָרי־קער פון דער חסידישער באַוועגונג קאָן ניט רעדן נאָר פון דעם פאַקט, אַז עס איז אָנגעקומען צו דער ייִדישער היסטאָריע אַ ייִד מיטן נאָמען בעל־שם־טוב, ער דאַרף און מוז וויסן די פאַקטאָרן וואָס האָבן דאַן געווירקט אין ייִדישן לעבן.

ווען מיר וועלן אַ ביסל קענען די יסורים פון כמיעלניצקיס צייַטן, וועלן מיר פאַרשטיין פאַרוואָס האָט דאָס געפיל מנצח געווען דעם שכל; פאַרוואָס האָט אָנגעהויבן באַנקראָטירן די העגעמאָניע פון שכל און די הלכה האָט זיך געמוזט אַביסל אָפּרוקן, ווייַל די אַגדה, די לעגענדע, די נשמה, די פאַנטאַזיע איז אָנגעקומען.

ת״ח ות״ט — 1648 — אַ דאַטע פון אימהדיקן חורבן, אַ דאַטע פון בלוט און שרעק, וואָס באַגדאַן כמיעלניצקי האָט מיט זײַן קאָזאַקן־שווערד אײַנגעקריצט אין דער געשיכטע פון ייִדישע לײדן און נויט.

יצחק באַשעוויס הייבט אָן זײַן ספר „דער שטן אין גאָריי״: „שנת ת״ח. אין דער צײַט ווען דער רשע כמיעלניצקי און זײַנע מחנות האָבן באַלאַגערט די שטאָט זאַמאָשץ און זי נישט געקענט אײַננעמען צוליב דער שטאַרקער פעסטונג וואָס האָט זי אַרומגערינגלט, האָבן די הײַדאַמאַקן געמאַכט גרויסע שחיטות אין טאָמאַשאָוו, בילגאָריי, קראַשניק, טורבין, פראַמפּאָל און אויך אין גאָריי. מען האָט געשאָכטן, געשונדן די הויט לעבעדיקערהייט, געקרצחנט קליינע קינדער, געצווונגען ווײַבער צו זנות און דערנאָך אויפגעטרענט זייערע בײַכער און פאַרנייט אין זיי קעץ... ס׳רוב ייִדישע הײַזער זענען אַוועק מיטן פײַער. וואָכן־לאַנג נאָך דעם חורבן האָבן זיך געוואַלגערט טויטע איבער די גאַסן, און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי צו קבורה ברענגען, בלויז הפקרדיקע הינט האָבן אָרומגעשלעפּט אײַנצלנע גלידער, און שפּאַרבערס מיט קראָען האָבן זיך גענערט פון דעם פלייש״.

נאָך דעם פּאָגראָם, פון די מאָוויימדיקסטע אין דער ייִדישער געשיכטע — חבלי משיח (משיח געבורט). עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זײַן. צו וועמען האָבן זיך די ייִדן געקאָנט ווענדן אויב ניט צום גואל אַליין. צו משיחן. וווּ נאָר ער איז דאָ: צי אַ געשמידטער אין קייטן אין רוים, צי ער איז אַ רואה ואינו נראה, צי ער געפינט זיך אין די טיפעניש פון הײלן, צי ער איז אַ קאָנקרעטער יש, אַ געשטאַלט וואָס גייט איבער די חורבות — זאָל ער קומען. וועט ער ניט קומען וועלן מיר אים ברענגען. מיר וועלן שיקן נאָך אים אַלע געראַצחנטע, אַלע אינוואַלידן אויף די קולעס, אַלע שטומע און בלינדע פון פּאָגראָמען. זאָל ער קומען ווײַל די שטאַרקע פּײַנצטערניש אין אונדזער לעבן פאָדערט עס. אויב ניט די לעבעדיקע, זאָלן די מתים אים ברענגען.

די אויסטערלישע מעשיות וואָס מ׳האָט אין פּוילן דערציילט נאָך ת״ח ות״ט זענען גאָר ניט קיין אויסטערלישע. ווען די מעשיות וואָלטן ניט געבוירן געוואָרן וואָלט דאָס פאָלק געזונקען אין אימה, אין שרעק אין יאוש. די מעשיות, אַז אויף יענער זײַט טײַך סמבטיון האָבן די רעשטלעך פון צען שבטים געשיקט אַ בריוו אויף פּאַרמעט, אַז דער קץ איז שוין

נאָענט, איז גאָרניט געווען אויסטערליש. די מעשה איז אַ קאָנקרעטע, ווײַל דאָס יאָר איז ת״ח ות״ט. 1648. ארץ־ישראל־ייִדן וואָס זענען אַרומגעפאָרן זאַמלען געלט האָבן דעם כתב געבראַכט צו אַלע חרוב־געוואָרענע אויסגעוויטאָקטע ייִדישע היימען. די רמזים פון פּאַרצײַטישע קבלה־ספרים, אַז כמיעלניצקיס שחיטות זענען די געבורט־ווייען פון משיחן, זענען ניט סתם רמזים, נאָר קאָנקרעטע פײַערדיקע סימנים: הוא עומד מאחורי כתלנו, הוא — המשיח. כמעט אין יעדער ייִדישער שטאָט האָט זיך געפונען אַ פּאַרשוין וואָס איז אומגעלאָפן און האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז גאָר אינגיכן וועט מען ווערן אויסגעלייזט. טאַנצט ייִדן אין די גאַסן פון פרייד, פּויקט אויף פּײַקלעך, צימבלט אויף די צימבלען, דער שופר של משיח וועט באַלד אַ בלאָז טאָן.

אָבער אַממייניסטן האָט מען גערעדט וועגן איינעם אַ גרויסן און הייליקן מאַן, שבתי צבי, וואָס ער זאָל זײַן יענער, וואָס אויף אים וואַרט מען שוין זיבעצן הונדערט יאָר און וואָס זאָל אַנטפּלעקט ווערן אינגיכן.

שבתי צבי איז געווען אַ מוז נאָך כמיעלניצקין. ער איז געווען דער דונער און בליץ און שטורעם אין חרוב־געוואָרענעם ייִדישן לעבן. ער איז געווען אַ מוז, ווײַל אָן דעם משיח־געוויטער וואָלט פינצטערניש אײַנ־געשלונגען ייִדיש לעבן. ניין, ס'איז אין אָנהייב נישט געווען קיין פאַלשער חשבון. איך חזר איבער: ס'איז געווען אַ מוז, אַ הכרח. אויב מ'האָט דערציילט אַז אויף די ערדן טוען זיך ניסים ונפלאות, און די נסים ונפלאות פּאַסן זיך אַרײַן אין דעם גרויסן חשבון פון ייִד מיט דער וועלט, ווערן די נסים ונפלאות און די מעשיות און לעגענדעס פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנקרעטן יש. און מ'וואַרט: אָט, אָט...

דער ייִד האָט שטענדיק אין זיך געטראָגן בענקשאַפט נאָך גאולה. פּאַר אַ פּאָגראָם און נאָך אַ פּאָגראָם. דער ייִד לעבט אייביק מיט צווויי פּנימער: מיט אַ ניגלה־פּנים און אַ ניסתר־פּנים. אין דער ניסתר־וועלט טראָגט ער די הייליקע גרויסע געשטאַלט פון משיחן. נאָך כמיעלניצקין האָט דער ייִד געגלייבט אַז אין די עולמות העליונים איז אַן עת רצון. דער פלאַם באַהאַלט זיך אין די שטערן, אין די ווינטן, אין גאַנצן אַרום, דער פלאַם וועט אָנקומען אין משיח־געשטאַלט.

אין ייִד, נאָך כמיעלניצקין, האָבן געשטורעמט שטורעם־ווינטן. עס קאָן ווײַטער אַזוי ניט גיין. דער הימל האָט אַן ערד. די ערד האָט אַ

הימל און דער ייִד האָט אַ משיח. אַ גואל. די וועלט פון מיסטיק און דמיונות און חלומות האָט בײַם ייִדן געפּאָדערט אַ הויכן פּרײַז. און ס'איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

לייענט דורך י. י. טרונק — „משיח געוויטער". לייענט דורך באַשעוויסעס „דער שטן אין גאָריי", לייענט לייוויקס וויזיאָנערישע דראַמעס וועגן גאולה, קוקט אַרײַן צו דעם העברעער הזז אין זײַן „בקץ הימים". לייענט שלום אַשס „קידוש השם", לייענט דובנאָוון, גרעצן, ייִדישע שרײַבער און מחוץ־לתחום און איר וועט געפינען דעם ייִדישן יחיד, דעם מאַסן־פּסיכאָז, די פּאַטאָלאָגישע דערשײַנונגען, וועלכע זענען געווען אַ פּראָדוקט פון די געפערלעכע שחיטות. לייענט דעם „ייוון מצולה" פון נתן נטע האַנאָווער, לייענט דעם ספר הדמעות פון ש. בערנפעלדן און איר וועט פאַרשטיין פאַרוואָס איז דער משיח־געדאַנק דערקלערט געוואָרן ווי דער תּמצית פון ייִדישן קיום. פאַרטיפט זיך אין די ספרים פון דער תקופה און איר וועט פאַרשטיין פאַרוואָס האָבן טיפע עמאָציאָנעלע פאַקטאָרן גובר געווען דעם שכלדיקן פילאָזאָפישן אמת. וואָס האָט באַדאַרפט אַ ייִד נאָך ת"ח ות"ט? דעם מורה נבוכים פון דעם רמב"ם? די אויסגעמאָסטענע שכלדיקע, ראַציאָנאַליסטיש־מאַטעמאַטישע־רמב"ם־וועלט, אַ וועלט וואָס גיט ניט קיין עולם הבא דעם דור המדבר, ווײַל ער האָט קיין תורה ניט געלערנט? דער קרבן האָט געדאַרפט האָבן אַן אַנדער גאָט און אַן אַנדער הלכה און אַן אַנדער הגדה אויב נישט גלײַך משיח, איז לכל הפחות דער תהילים, אָבער נישט דער רמב"ם. און אויב ניט דער תהילים, איז קבלה. מיסטיק, ווײַל דער שכל האָט ניט געשטימט מיט דער תקופה. דער ייִד האָט געפּרוווט עפּענען אַ בלאָט רמב"ם און געלייענט: „נישט אַלע געפינען זיך אונטער דער געטלעכער השגחה", און ער אין דערציטערט געוואָרן. נישט אַלע... און מײַן פאַרגעוואַלדיקטע פרוי, און מײַן געשאָכטן קינד, און מײַנע ברידער און שוועסטער, זענען זיי קאַנדידאַטן זיך געפינען אונטער דער געטלעכער השגחה אָדער ניט". „וויסן, פאַרשן, דערגרונטעוען זיך צו דעם תמצית פון אַלץ" האָט ער ווײַטער געלייענט, נו, און דאָס העלפט קעגן כמיעלניצקיס קאָזאַקן? דער אידעענגאַנג פון ייִד האָט געקריגן אַן אַנדער ריכטונג.

שבתי צבי איז דורכגעפאַלן. דער שופר של משיח האָט ניט געבלאָזן. נתן העזתי און שמואל פּרימאָ זענען אַראָפּ פון מאַרק, אָבער ניט פון

געשיכטלעכע בלעטער. דער ייִד איז ווײַטער געשטאַנען על פּרשת דרכים. דורך דער לופט האָט זיך אַדורכגעשניטן תנחומס רוף אין לייוויקס „גולם״: ווער וועט רעטן ?״

שטיל האָט דער יחיד געשעפּטשעט — ווער וועט רעטן ? דער המון האָט היסטעריש געשריגן — ווער וועט רעטן: איינס איז קלאָר געווען: מ׳דאַרף אַ בײַ געשטאַלט. אַן אַנדער משיח. אַ ליאַדע טאָג וועט דאָס פאָלק זינקען אין יאוש, אין אַפּאַטיע.

פון די קאַרפּאַטן־בערג איז אַראָפּ אַ ייִד מיטן נאָמען בעל־שם־טוב. אַ ייִד וואָס האָט זיך פּאַרמאָסטן געבן אַ תשובה אויפן באַנקראָט פון פאַלשע משיחים, און נישט נאָר אויפן באַנקראָט פון פאַלשע משיחים, נאָר אויך אויף אַ סך באַנקראָטן און קרומע מחשבות פון ייִד.

אויב דער משיח־געוויטער איז אָנגעקומען מיט שטורעם און בליץ, און די שבתי־צבי־בשורה האָט זיך צעטראָגן פון עזה קיין ירושלים, פון דאָרט קיין מצרים, גריכנלאַנד, טערקײַ, איטאַליע, האָלאַנד, איז די בשורה פון בעל־שם־טוב געקומען בקול דממה דקה.

פונדאַסנײַ די שאלה פון בראשית אָן: ווער איז דער ייִדישער גאָט ? וואָס פאַראַ שליחות האָט דער ייִד אויף דער וועלט ? ווי אַזוי דאַרף ער לעבן ? אין עצבות אָדער אין חדווה ? מיט דער הלכה צי מיט דער הגדה ,צי מיט בײדע צוזאַמען ? וואָס איז זײַן רשות־היחיד און ווי דאַרף ער זיך אויפפירן אין רשות הרבים ?

אַן אייביקע שאלה בײַ אַלע ייִדישע אידייען: וואָס איז דער מהות פון גאָט און געטלעכקייט ? וואָס איז די דעפיניציע פון דער ייִדישער רעליגיע: עטיק, מאַראַל פון דער ייִדישער תורה, אַ פילאָזאָפישער גאָט, אַ קאָסמישער, אַ פּאַנטעיִסטישער, דער גאָט פון שכלדיקן מורה נבוכים, אָדער ייִדישע רעליגיע מיינט: דאַווענען, אָפּהיטן כשרות, האַלטן שבת, פאַסטן יום כיפור און פאָלגן אַלץ וואָס אין שולחן ערוך איז געשריבן ?... אויב רעליגיע איז געווען אַזאַ גרויסער פאַקטאָר אין אויפהאַלטן ייִדיש לעבן — איז וועלכע רעליגיע ?

אין משך פון דורות גייט אַן דער קאַמף.

אין חורבן־תקופות איז ניט דער גאָט פון רמב״ם געווען דער טראָג־טראָגער. דעם רמב״מס גאָט ווערט אויסגעדריקט דורך וואָס ער איז ניט: ער האָט ניט קיין געשטאַלט פון קיין גוף און איז ניט קיין גוף, ער האָט

ניט קיין אָנהייב, און האָט ניט קיין סוף. קיינער קאָן אים ניט זען, ווייל ער איז פאַרבאָרגן פון אַלע מענטשנס אויגן. א.א.וו. אַזאַ גאָט איז שווער פאַרצושטעלן פאַר אַ פּשוטן פאַגראַמירטן ייִד.

דער גאָט פון געוויינלעכע ייִדן ווערט אויסגעדריקט דורך אַלץ וואָס ער קאָן זיך פאָרשטעלן אַז ער איז. ער זעט אַלץ און הערט אַלץ, און ער שטראָפט און ער באַלוינט, ער מאַכט קראַנק און ער מאַכט געזונט, ער גיט לאַנגע יאָרן און ער פארקירצט די יאָרן, ער מאַכט אָרעם און ער מאַכט רייַך. זייַן טיר איז אָפן און ער פאַרשטייט אַ קאַפּיטל תהילים. ער פאַרמאָגט רחמים, ער האָט ליב חדוותדיקע ייִדן. ער האָט ליב אַ זמרל און אפשר אויך אַ קעלעשיקל משקה. אַ גאָט וואָס דער פשוטער מענטש־לעכער שכל קאָן זיך פאָרשטעלן. ער איז אַ פאַרמענטשלעכטער גאָט.

אהרון צייטלין האָט אין זייַן „אני מאמין” געגעבן דיכטעריש צו דערקלערן פאַרוואָס שפּינאָזעס געאָמעטרישער גאָט איז ניט דער גאָט פון ייִד; „ער איז אַן אַלטער פעטער וואָס וויל מיך נישט קענען / וואָס פון זייַנעטוועגן מעג איך ברענען / אויף אַלע פייַערן עד סוף כּל הדורות / אַ גאָט אַ בעל חשבון וואָס ווען איך פאַרגיי / גרייכט ניט צו אים מייַן געשריי / אַ גאָט וואָס זייַנע מלאָכים זענען ציפערן”... דער דיכטער זוכט אַ גאָט וואָס בלוטיקט אין זייַן וווּנד, אין זייַנע ווײ־געשרייען, אין זייַן פּייַן. ער דאַרף אַ גאָט „פון תהילים און פון סידור. אַז נאָר צו אים אַליין, צו אים אַליין קאָן איך שרייַען דאָס געשריי פון אַלע מייַנע גלידער”. אַ גאָט וועמען מ׳קען לייגן דאָס אַש צו זייַנע פיס. אַ גאָט וואָס לייַדט צוזאַמען מיט ייִד. שרייַט מיט אים צוזאַמען. אַ גאָט פון חסדים און פון דינים, פון איכה און שיר השירים. אַזוי טענה׳ט דער דיכטער אהרון צייטלין. פשוט גערעדט: אַ מענטשלעכן גאָט.

ווי געזאָגט איז פון די קאַרפּאַטן־בערג אַראָפּ אַ ייִד און נאָך די פאַגראַמען און נאָך דעם משיח־דורכפאַל האָט ער פּראָסט און פּשוט געזאָגט: ייִדן כ׳האָב פאַר אייַך אַן אוצר. אַ נייַ גלויבן. אַ נייַעם ייִדישן אני מאמין, אַן אני מאמין וואָס יעדער פשוטער ייִד וועט אים פאַרשטיין, און וועט אים אַרייַננעמען אין זייַן אָרעמען אַלקער. אַ גאָט, וואָס דאַרף ניט קיין פאַלאַצן. אַ גאָט וואָס האָט ליב אַ מעשה, אַ לעגענדע. אַ ריקודל. אַ כוסה. אַ נאָענטער גאָט.

ווען דער בעל־שם־טוב איז אָנגעקומען אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט

אין פּאָדאָליע, וואָלין, מזרח־גאַליציע און די לעצטע יאָרן געווינט אין מעזשעבאָזש, איז ליכטיק געוואָרן אויף דער ייִדישער גאַס. און אויב עס ווערט ליכטיק אויף דער ייִדישער גאַס, קומט אָן דער גרויסער שותּף — די ייִדישע ליטעראַטור — און ווערט אַ מלווה, אַ באַגלייטער. נישט וויכטיק איז פאַר אונדז צי דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל אָקאָפּ אויף דער גרענעץ פון מזרח־גאַליציע און וואַלאַכיי, און אַז זײַן פאָטער האָט געהייסן אליעזר. וויכטיק איז פאַר אונדז די התגלות. וויכטיק איז פאַר אונדז דער סימבאָל: מעזשעבאָזש ווו דער ניסתּר האָט אין דער משפּחה משבר געפונען זײַנע העלדן; וויכטיק איז דער נײַער דרך אין ייִדישקייט, אַ נײַער דרך ניט פאַר יחידי סגולה, נאָר פאַר כּל ישׂראל, פאַר איינפאַכע ייִדן וואָס זענען אָנגעהאָרעוועט געווען אַ גאַנצע וואָך פון שווערער אַרבעט און געפירט אַן אָרעם שווער לעבן און האָבן קוים געקאָנט זאָגן אַ קאַפּיטל תּהילים. די אַלע האָבן געפונען אַ נײַע וועלט, אַ פּלאַץ פון טרייסט און האָפענונג, אַ פּלאַץ אויף אויסלעבן זיך, זײַן מיט גאָט פער דו. די באַוועגונג פון בעל־שם־טוב אונטערן נאָמען חסידות האָט געענדערט דאָס רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די ברייטע מאַסן. ביז דעם בעל־שם־טוב, נאָך די פּאָגראָמען, נאָכן משיח־דורכפאַל, איז יעדער ייִד געווען אָפּגעריסן, באַזונדער, פאַרחושכט, אַליין, אָן טרייסט, אָן חברותא אָן אַ פירער, אָן אַ שיצער; דער בעל־שם־טוב האָט גענומען די אַלע און זיי געגעבן חברותא און פירערשאַפט און דעם גלויבן אין דער איבערנאַטירלעכער הילף, אין דעם װוּנדער, וואָס זיי קאָנען האָבן אין זייערע צרות, דורך דעם רבי, דורך דעם צדיק. די ייִדן פון דער נײַער באַוועגונג האָבן גענומען דאַווענען אין באַזונדערע שטיבלעך, ווו זיי האָבן זיך געפילט אַלע גלײַך. מען האָט אָפט געגעסן צוזאַמען סעודות של מצווה, מען האָט גענומען בחברותא אַביסל בראַנפן און זיך געזאָגט „לחיים״, און דערבײַ דערציילט מעשׂיות און נאָכגעזאָגט אַ חסידיש וואָרט, אָדער זיך איבערדערציילט פון הארץ די עגמת נפשן און מען האָט זיך געזוכט איינער דעם צווייטן צו העלפן. אויף יום־טוב האָט מען זיך אַראָפּגעכאַפּט צום רבין און מ׳האָט זיך געטראָפן מיט חסידים פון אַנדערע שטעט און עס איז פאָרגעקומען די התקרבות הלבבות. אויב איינער האָט געהאַט עפּעס אַן אומגליק, האָט ער געבעטן דעם רבין אַז ער זאָל מתפּלל זײַן פאַר אים. דערציילט יוסף אָפּאַטאָשו אין אַ דערציילונג „תּיקון חצות״, ווי אין אַ רענגנדיקער

באַכט נאָך די ימים־נוראים איז אַריַינגעפאַלן צום רבין, ווען ער האָט אָפּגעריכט תיקון חצות, אַ בעל עגלה, פאַרוויינט און פאַרביטערט וויַיל זיַינע צוויי פערד זענען געפאַלן. און אַז ער האָט דערזען זיַין רבין וויינען אויף תיקון־חצות האָט ער זיך אויך צעוויינט: ווי ווי, האָט דער בעל עגלה זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט פאַרן קאָפּ, ס׳בית המקדש איז חרוב געוואָרן, וואָי איז מיר. אָבער ווען דער רבי האָט זיַין חשובן גאַסט אָנגעגאָסן אַ כוסה און ביידע האָבן אויסגעטרונקען אַ לחיים, האָט ער אויסגעהערט זיַינע צרות: „ס׳בית המקדש איז חרוב געוואָרן און מיַינע צוויי פערד זענען געפאַלן. גאָט וויל מיר מאַכן פאַר אויס קאַפּעלויש־מאַכער, האָט דער בעל עגלה אָנגעגאָסן די זיבעטע כוסה און האָט זיך צעוויינט: ס׳בית המקדש איז חרוב, שמחה באַלעגאָלע איז געבליבן מיטן בײַטשל, אויס עושר, אויס מחותן מיט גאָט.

דער בעל עגלה איז פאַרבליבן שלאָפן ביַים רבין, און דער רבי האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אַ פאַלטן און אים אַריינגעשעפּטשעט: אַ גוטע נאַכט. דער בעל עגלה איז ניט געבליבן אַליין מיט זיַין צער. און אויב אפילו די דערציילונג האָט צו טאָן מיטן מלאָוּוער רב, האָט אָפּאַטאַשו אַריַינגעשמוגלט אַ באַמערקונג, אַז דער מלאָוּוער רב איז געווען אָנגעשטעקט מיט חסידישע דרכים.

די פשוטע עטיש־מאָראַלישע ווערטער פון חסידות וואָס דער בעש״ט האָט געבראַכט, האָט דערהויבן דעם פשוטן יידן צו העכערע מדרגות, געגעבן אַ זין זיַין לעבן, אָנגעזאָגט אַז דינען גאָט הייסט: בכל דרכיך דעהו, מיט אַלע וועגן, מיט אַ קרעכץ, מיט מחשבה, מיט אַ טרער, מיט אַ קאַפּיטל תהילים. ווי זאָגט פראָפ׳ יהושע העשל אין זיַין עסיי: „דער מזרח אייראָפּעישער ייד?" „די חסידים האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם הימל אויף דער ערד. זיי האָבן פאַרטריבן די מרה שחורה פון דער נשמה, זיי האָבן אַנטדעקט דאָס גרויסע גליק וואָס ליגט אין דעם זיַין אַ ייד. גאָט איז נישט נאָר דער בורא שמים וארץ, נאָר אויך דער „אשר ברא ששון ושמחה". יידישקייט איז ווי געבוירן געוואָרן אויף ס׳ניי. פון פסוקים, מינהגים, האָט עס אָנגעהויבן שמעקן ווי פון פרישער תבואה. עס איז צוגעקומען אַ ביַיער „לא תעשה": „אַלט טאָר מען נישט זיַין". דער בעל־שם האָט אונדז ייִנגער געמאַכט מיט אַ פאַר טויזנט יאָר. מען האָט זיך

פאַרליבט אין דעם רבונו של עולם און געשפּירט „אַזאַ בענקשאַפט גאָך גאָט אַז עס איז נישט אויסצוהאַלטן"..

דער חסידיזם האָט זיך געבעטן: פּייניק ניט דעם גוף, קוועל אים נישט. עס איז אַ רחמנות אויפן חומר. מען קאָן דינען גאָט אַפילו מיטן יצר הרע, מען דאַרף נאָר קאָנען שיידן צווישן פּסולת און גאָלד. דער חסיד האָט געצונדן אַ ביסל תּאווה צו עולם הבא, אָבער דער דגש איז געווען: עולם הזה. חסידות האָט געטענהט צום תּלמיד חכם: האַלט זיך ניט גרויס: פון פרומקייט קאָן מען פאַרגעסן דעם בורא עולם. דער עיקר איז צו פילן די נשמה, די נשמה אין זיך, אין דער תּורה, אין דער וועלט.

י. י. סיגאַל, אַ באַרימטער יידישער פּאָעט, האָט געגעבן קורץ אַ חסידישע ביאָגראַפיע אין זיין ליד „והחסידות":

והחסידות, און דאָס חסידות זאָגט: / מיין בעל־שם־טוב איז אַ פּשוטער ייד. / האָט ער ליב געהאַט די גאַנצע וועלט / און אַלצדינג וואָס איז נאָר דאָ אויף איר. / און אין דער פרייד וואָס יעדער טאָג איז דאָ אַ וועלט/ און יעדן אינדערפרי קאָן ער דערזען די וועלט, / און גיין אין גאַס און זיך באַגעגענען מיט יידן און מיט יידענעס / מיט גויִטעס / און אַלע שטיבער זענען לעבעדיק, און אַלע שולן דאַווענען צו גאָט, / האָט ער אַוועקגעשטעלט זיך ביי דער זייט פון גאַס / די אויגן אויפ־געהויבן אין דער הויך / און אַזוי צעזאָגט זיך און געזאָגט: / אוי גאָט, גאָט, טאַטע אונדזערער / קיין מדינה האָבן מיר ניט / קיין בית המקדש אויכעט ניט, / אָבער די וועלט האָבן מיר דאָך יאָ / איז די וועלט דיינע דען ניט דיין וועלט / איז די וועלט דיינע ניט אונדזער וועלט / און אַז קיין בית המקדש האָבן מיר ניט, / האָבן מיר קליינע בית המדרשלעך / גיב זשע, גיב זשע דו אַליין אַ קוק, / פאַר טשיקאַוועס טו אַליין אַ קוק / ווי פרי די יידן דיינע איילן זיך צום ערשטן מנין אין די שולעכלעך / אַז מיין הארץ ווערט פול מיט פרייד / און מיין נשמה גייט אַריבער פון ליוב, / אוי, גאָט, גאָט, טאַטע אונדזערער, / קום לאָמיר גיין איבער שטאָט און שטעט, / קום לאָמיר גיין הינטער שטוב און שטאָט / און דערציילן עס פאַר טייך און קוואַל. / לאָמיר גיין איבער גאָר דער וועלט / און דערציילן עס פאַר לאַנד און לייט / און אַ פרייד וועט זיין אויף גאָר דער וועלט / און אַ יום־טוב אויף דער גאַנצער ערד. והחסידות / און דאָס חסידות זאָגט"...

זישא לאַנדוי האָט געזען אין זײַנע בעש"ט-לידער דעם הייליקן בעש"ט באַגינען אין פעלד, קאַלט און פּראַסטיק איז געווען דער פרימאָרגן, און דער בעל־שם־טוב האָט זיך צעזונגען: „אַז ווויל איז צו דעם וואָס האָט זוכה געווען / דײַן ווינט זאָל אים אַמאָל באַרירן, / אַז ווויל איז צו מיר וואָס כ'האָב זוכה געווען / פון קעלטן פון דײַנע צו פרירן / אַז ווויל איז צו מיר, אַז ווויל". אַזוי האָט געזונגען זישא לאַנדויס בעל־שם־טוב, אַ לויב־געזאַנג פאַר קעלטן און היצן, פאַר זון און פאַר רעגן, פאַר טאָג און פאַר נאַכט, ווײַל בעל־שם־טובס וואָרט איז פאַרוועבט אין נאַטור, אין פּייזאַזש און ער האָט מתיר געווען: ההולך בדרך ומפסיק ממשנתו ואומר מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה איז ער זיך נישט מתחייב בנפשו. פאַרקערט. ער זינגט: ווי ווויל. ווי ווויל. ווי ווויל. בעל־שם־טובס גאָט, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור איז — גאָטעניו און טאַטעניו.

דער בעל־שם־טוב פון איציק מאַנגער, ווען ער הערט אין פענצטער ציטערט אַ דין געוויין, מוז ער וויסן: „ווער וויינט בײַנאַכט, ווער וויינט אַצינד, ווען ס'שלאָפט דער פויגל און ס'שלאָפט דער ווינט / ווען ס'שלאָפט די כאַטע און ס'שלאָפט דער וואַלד / ווער טרײַבט פון זײַן חלום אַוועק דאָס גאָלד?" און מאַנגערס בעל־שם־טוב גייט זוכן ווער שטערט די רו בײַנאַכט. וואָס דערזעט דער בעש"ט ווען ער הייבט אויף די ליכטיקע אויגן צום הימל? ער דערזעט אַ כמאַרע, און אונטער דער כמאַרע אַ קליין שטערנדל, און די כמאַרע דריקט, און דאָס שטערנדל וויינט, און דער בעל־שם הערט דאָס זילבערנע געוויין פון שטערנדל. וואָס טוט דער בעש"ט, „ער הייבט אויף זײַן ליכטיקע האַנט און ווישט די גרויע כמאַרע אַוועק", און דאָס שטערנדל ווערט באַפרייט. אויס געוויין. אויס שרעק. דער מוסר השכל: „דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פּין אַ גראָז, / דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז / קאָן טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו / באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו".

מאַנגערס בעל־שם־טוב האָט אַ בשורה פאַר דער וועלט, און אַ שליחות: אָנקלאַפּן אויף טונקעלע ווענט די בשורה: „אַז הייליק איז די וועלט און דרײַ מאָל שיין". און אויב עפּעס דאַרף מען זוכן אויף דער וועלט, און אויב עפּעס דאַרף מען געפינען, זינגט מאַנגער: „צווישן

קאַסעוו און קיטעוו / שטייט אַ גילדענער ברונען / אין טיפֿן קלאָרן וואַסער / האָב איך אַ זון געפֿונען"

האָט געקענט דען זײַן נאָך פּאַגראָמען אַ בעסערע און שענערע בשורה פֿאַרן ייִד, ווי דאָס געפֿינען אין קלאָרן וואַסער אַ זון. אַ בינטל שטראַלן. סימבאָל פֿון גלויבן און האָפֿענונג ?

מיט דער װוּנדערלעכער געשטאַלט פֿון בעל־שם־טוב פֿאַרנעמט זיך די ייִדישע פּאָעזיע און פּראָזע.

גרויסע מענטשן זענען רעטענישן. אָבער דער בעל־שם־טוב איז אפֿשר פֿון די גרעסטע רעטענישן פֿון אונדזער צײַט.

עטלעכע העלדן־מאָטיוון גייען אַרום אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט אַ סך גאווה. אליהו הנביא. דער ל"וניק, דער בעל־שם־טוב. דער צדיק אין דער חסידישער באַוועגונג, די ייִדישע פֿרוי, דאָס ייִדישע קינד, דאָס שטעטל, די גאָלדענע פּאַווע דאָס ווײַסע ציגעלע. דער בעל־שם־טוב גייט אַרום ווי אַ גרויסער באַלעבאָס אין דער ייִדישער ליטעראַטור: מאַני לייב, זישע לאַנדוי, באַסין, מאַנגער י. י. סיגאַל, אהרון צייטלין, גלאַטשטיין, און אפֿשר אויך איך. ס'גייט נאָך דער מענטש מיט זײַן אוצר פֿון חן און כּוח.

אַ פּשוטער ייִד. ער אַליין אַפֿילו אַ קנאַפּער למדן, אויך נישט קיין מיוחס, אַ דאָרפֿס־מענטש, אַ דרדקי מלמד, אַ באַהעלפֿער ביי אַ מלמד, אַ װעגעלע־טרײַבער, געפּירט ליים, און דאָך אַזוי אַרײַנגעוואַקסן אין אונדזער ייִדישן לעבן, אין אונדזער גאַנג.

פּרוּוון מיר זיך אַרײַנדרינגען אין זײַן לערע, הייבן מיר אָן צו פֿאַרשטיין די רעטעניש וואָס הייסט בעל־שם־טוב. דרינגען מיר אַרײַן אין דער תּקופֿה, אין דעם דור ווען ער האָט זיך אַנטפּלעקט, הייבן מיר אָן צו פֿאַרשטיין זײַן וועג, זײַן השפּעה, זײַן נצחון. ווי עס ווערט דערציילט האָט די דאָזיקע נשמה אַראָפּגענידערט אויף אונדזער וועלט אין אַ צײַט פֿון נאָכן גרויסן בראָך פֿון די ת"ח־יאָרן, נאָך שחיטות און מיתות משונות אויף ייִדן, נאָך שריפֿות פֿון גופֿים און נשמות, נאָך די פֿאַלשע שבתי צביניקעס, נאָך די הפֿקרדיקע פֿראַנקיסטן.

אין אַזאַ צײַט האָט זיך צעליכטיקט זײַן נאָמען, ווי אַ זון וועלכע האָט דערהיילט די פֿינצטערניש און געוויזן אַז מ'דאַרף ברענגען אַ נײַ ליכט. אַ נײַעם גלויבן אין דער ייִדישער וועלט.

## דער ווילנער גאון און דער בעש"ט

דער ווילנער גאון זיצט און לערנט
אין דינעם דורשט און ווײַסן ברעג
און ניט דער הימל, ניט די שטערן
די זכיה האָבן אים צו זען.
ער שלאָפט נאָר אַ שעה
און ווידער איז דאָ
זײַן מח צו פאָרשן, צו קלערן.
בײַטאָג און בײַנאַכט דורך מעת־לעתן —
דאָס ליכטעלע פלעמלט און טריפט.
דאָס ווײַב און די קינדער פאַרגעסן —
ער זוכט אין דער הייליקער שריפט.
אָפט דאַכט זיך אים אויס,
אַז ער איז גאָטס הויז,
אַז ער איז אין אים דאָ געזעסן.

און אָפט ווען ער שטייט אין די תפילין
און דאַוונט מיט האַרץ און געבעט,
דערהערט ער אַ קול אַזאַ שטילן
אין זיך, ווי אַ טויב וואָלט גערעדט:
„הער גאון, גלויב מיר —
דײַן מויל איז מײַן טיר". —
ער נעמט זיך אין טלית פאַרהילן.

דער גאון לערנט, ס'ווערן בלאָ אים
די אַלטע אותיות ערב נאַכט
און ס'קומען אָן די שטאָט־גבאים —
וואָס האָט זיי גאָט אַהער געבראַכט?
— אָ, רביניו, העלף!
די חסידים די צוועלף —
זיי טאַנצן אין קלײַזל ווי גויים!

דער גאון שטייט בליציק: די פּראים!
ישראלקע בעל שם זייער גאָט!
איך רוף אויס אַ חרם, גבאים,
אויף זיי און צעהענגט עס אין שטאָט!
איר הערט וואָס איך זאָג?
אַ חרם, אַ קלאָג!
אַ קלאָג צו די חסידישע גוייִם!

דער גאון ליגט, דאָס ליכטל גוסט,
אַ זילבערנער לבנה־שטראַל
באַלײַכט זײַן שלאָף, די בלויע כּוסות,
דער וועג איז ווי אַ ווײַסע שאַל.
ער פאָרט דורך אַ וואַלד
מיט ייִדן. ס'איז קאַלט,
עס גליען די שטערן ווי אותיות.

און פּלוצלונג — אַ שענק... פון באַנדיטן?
ניין. חסידים אין ראָד פון אַ טאַנץ,
און איינער אַ ייִד איז אינמיטן
מיט אויגן אין גויאישן גלאַנץ.
עס פלאַטערן הענט,
עס וויגן זיך ווענט.
אַלץ ווערט פון אַ ניגון צעשניטן.

נאָר פּלוצלונג באַמערקט מען דעם גאון.
ער שטייט אין אַ זײַט און ער קוקט.
און איינער שרײַט אויס: אַ בזיון!
אַ ייִד זאָל זיך שטעלן פאַררוקט!
קום טאַנצן, ר' ייִד! —
זיי נעמען אים מיט.
ער דרייט זיך מיט זיי אין שגעון.

ער פֿאַלט. בעת ער עפֿנט די אויגן,
דערזעט ער זיך הויך אויף אַ באַרג.
עס קומט אָן אַ ייִד איינגעבויגן
מיט פֿרייד און מיט האַלץ אויפֿן קאַרק.
אַ פֿייער געמאַכט —
ער טאַנצט אין דער נאַכט,
די פֿונקען ווי בינען צעפֿלויגן.

דער גאון באַמערקט: יענעמס באַק גליט
און רוקט זיך מיט ליפּן צו אים.
ער ציטערט: איך בין אַ מתנגיד!
אַוועק! — איז צעצאַרנט זיין שטים.
נאָר יענער באַקושט
זיין פּנים, זיין ברוסט
און זינגט אַזוי הייס, אַזוי נאַקעט...

דער גאון וועקט זיך אויף אין שווייסן,
דערשראָקן פֿון דעם ווילדן ייִד.
ער פֿילט נאָך ווי אַ קוש אַ הייסן —
ער זיצט אין שטערן דאָרט און גליט.
אַ ניגון אין קאָפּ,
ער לאָזט אים ניט אָפּ,
אַ ניגון, וואָס חסידים נאָר ווייסן...

(לייזער וואָלף)

דער בעל־שם־טוב איז ניט געקומען צו זיינע ייִדן ווי אַ לערער. ווי אַ מדריך. ער איז געקומען ווי איינער פֿון זיי. ניט פֿון אַ וויַיטער דיסטאַנץ, פֿון הר סיני. ער האָט גערעדט צו זיי פּנים אל פּנים. און ניט מיט קיין שווערע לוחות איז ער צו זיי געקומען, ניט מיט קיין שיטות, וועלכע מען דאַרף לערנען, ניט מיט גרויסע נייַע אמתן, נאָר מיטן גרויסן אמת, אַז דער גרעסטער אמת איז אַ לעבעדיקער מענטש

ער האָט זיי געבראַכט אַן אומרויִק האַרץ. אַ ליכטיקע נשמה, ער איז געקומען און געזאָגט צו זיי: אין יעדן פּשוטן ייִד שטעקן רייַכע אוצרות.

די וועלט פון פשוטן מענטש איז ניט קיין אָרעמע, ניט קיין גראָע. דער פשוטער ייִד פאַרמאָגט אַ טיפע אינערלעכע וועלט, מ׳דאַרף זי אויסגראָבן ממעמקים, מ׳דאַרף זי אַנטפּלעקן. ער איז געקומען און גערעדט צו זיי מיט זייער לשון — ייִדיש. די שפּראַך פון הארץ און געפיל.

און „מדה כנגד מדה״. דאָס פאָלק איז אים אַנטקעגנגעקומען. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן וועבן מיטן בעל־שם־טוב די לעגענדע פון חסידות. עס האָט אָנגעהויבן ברענגען צום טיש די אייגענע העלדן. עס האָט אָנגעהויבן שאַפן די מעשה. די לעגענדע. אַ לעגענדאַרער מאַנטל אַרום די לענדן. אַ נייַע פאַנטאַזיע.

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן צום אַלעם ערשטן די לעגענדע בעל־שם־טוב. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די לעגענדע חסידות.

ר׳ ישראל האָט זיך ניט דערצויגן אין אַ הויז פון תורה און חכמה גדולה, אין אַ היים פון ייִחוס, נאָר אין אַ הויז פון אָרעמע און פּראָסטע פאָלקס־מענטשן. זיין אָפּשטאַמונג איז נישט ביז אין די טיפע דורות פון רבנ׳ים און גאונים געווען, ד״ה ניט זכות־אבות איז אים בייגעשטאַנען, נאָר דער אייגענער זכות פון בענקשאַפט נאָך ייִדן. שוין דאָס אַליין באַווייַזט די קוואַלן פון דער נייַער באַוועגונג. אָן ייִחוס. פאָלקסטימלעך, דעמאָקראַטישער שורש.

גלייַך אין אָנהייב פון זייַן וועג האָט מען געהערט דעם אימפּעראַטיוו: רחמנא ליבא בעי, דער עיקר איז דאָס האַרץ. די כוונה. גלייַך ביי די ערשטע טריט האָט ער געלערנט אַז ביי גאָט איז דער עם־הארץ אויפן זעלבן שטאַפּל ווי דער תלמיד חכם. ער האָט גלייַך ביי די ערשטע טריט געלערנט אַז אַ קאַפּיטל תהילים פון אַ ייִדן אַ פּראָסטאַק, וואָס ווייסט אַפילו ניט דעם פירוש המילות, קאָן אַמאָל אָנקומען צום כסא הכבוד שנעלער ווי דער למדן מיטן בלאָט גמרא.

דערציילן ייִדן אַ לעגענדע:

ס׳איז געווען אַ צייַט פון גרויסע גזרות אויף ייִדן רחמנא לצלן. די שונאי ישראל האָבן חרוב געמאַכט אַ גרויסע צאָל ייִדישע קהילות אין דייַטשלאַנד, אָבער איין קליינע קהילה לעבן ערפורט האָבן זיי ניט אָנגערירט. געלעבט האָט אין דעם קליינעם שטעטעלע אַן אָרעמער און פּראָסטער ייִד, זייער אַ פרומער מאַן. ויהי, און ס׳איז געווען, ווען דער פרומער מאַן איז נפטר געוואָרן און ס׳איז קוים אַוועק אַ חודש נאָך זייַן

פטירה, האָט ער זיך באַוויזן אין חלום צו איינעם פון די גרויסע לומדים וואָס האָט געלעבט אין דער זעלביקער קהילה, ער איז געווען אָנגעטאָן אין תכריכים און אַ קליין ספרל האָט ער געהאַלטן אין האַנט. פרעגט אים דער תלמיד חכם: „ביסטו ניט דער מאַן, וועמען מיר האָבן געבראַכט צו קבורה אין דעם און דעם טאָג?" „גאַנץ ריכטיק", האָט ער אים געענטפערט. „און וואָס איז דאָס פאַר אַ ספר וואָס דו האַלטסט אין דיין האַנט?" האָט דער תלמיד חכם ווייטער געפרעגט. „דאָס איז דער ספר תהילים — האָט דער מאַן אין די תכריכים זיך אָפּגערופן. „איך בין געקומען דיר זאָגן, דו זאָלסט וואָרענען די בעלי־בתים פון שטעטל, זיי זאָלן וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען. כל זמן איך האָב געלעבט, פלעג איך איטלעכע וואָך פאַרענדיקן דעם גאַנצן ספר תהילים, און מחמת אין דעם זכות פון מיין תהילים־זאָגן איז אונדזער קהילה באַשירמט געוואָרן פון אַלע צרות. אַציַנד אָבער איז ניטאָ מער, ווער עס זאָל באַשירעמען די קהילה פאַר שלעכטע גזרות.

אינדערפרי האָט דער תלמיד־חכם דערציילט די קהילה־לייט וועגן זיין חלום. אַ טייל יידן האָבן זיך צוגעהערט צו דער עצה, האָבן פאַרלאָזט די שטאָט און זענען טאַקע ניצול געוואָרן, אָבער די וואָס האָבן זיך ניט צוגעהערט צו דער עצה זענען באַשטראָפט געוואָרן. דערפון זעען מיר ווי גרויס עס איז דער זכות פון די וואָס היטן אָפּ צו זאָגן תהילים יעדן טאָג.

די גאַנצע תורה פון בעל־שם־טוב שטעקט אין דער דאָזיקער דער־ציילונג: דער תהילים פאַרן ייד איז אַ פאַנצער קעגן גזרות. די תפילה. דר לירישער אויסגוס. די פאַרבינדונג צווישן הימל און ערד איז דער תהילים

דער בעל־שם־טוב איז כולו חידוש. שפּאָגל ניי. ער האָט געלערנט אַז יראת־שמים באַשטייט כלל ניט אין פאַסטן און פייניקן דעם גוף; אַז חשבון הנפש מיינט ניט עצבות און מרה שחורה. דינען גאָט דאַרף מען דורך שמחה, דורך האָפענונג, גלויבן און בטחון. דאָס איז געווען זיין שיטה. זיין לערע, זיין דרך.

דער בעל־שם־טוב האָט ניט געזיפצט און ניט געוויינט און ניט געקלאָגט. ער האָט ניט געשטראָפט און ניט געמוסרט, ער האָט ניט געהאַט

קיין טענות צו קיינעם אפילו ניט צום רבונו של עולם, ער האָט נאָר דערשמעקט די געפּאַלנקייט פון פאָלק נאָך די פּאָגראָמען און געזוכט אַ וועג ווי זיי צו דערהייבן פון שפלות, ווי זיי דערוויַיזן אַז נישט נאָר דער בעל־תורה קאָן אָנקומען צו גאָט, נאָר אויך זיי, די פּשוטע מענטשן. דער מענטש איז גאָטס קינד און ווי אַ קינד רעדט צו זיַין מאַמע, און די מאַמע צו איר קינד אַזוי קאָן יעדער ייִד רעדן מיט גאָט און אָנקומען צו אים.

מאַנגער זינגט: „ברוך־הוא איז גרויס אויך היַינט ווי אַ מאָל, נישט וויַיל ער דונערט אין הימל, נאָר וויַיל ער כליפּעט אין טאָל". אין טאָל און ניט אויף די בערג, וווּ עס זיצן די לומדי תורה, און אין טאָל קאָן ער זיך טרעפן מיט זיַין בורא. ער קאָן זיך טרעפן מיט אים דורך דעם קליין סידורל וואָס הייסט תהילים.

קיין גיַיסטיקע באַוועגונג ביַי ייִדן פון נאָכן חורבן בית־המקדש האָט ניט זוכה געווען צו אַזאַ מזל ברכה, און האָט ניט געבראַכט דעם פאָלק אַזאַ פרייד און היילונג, אַזוי ניט אָפּגעפרישט דעם ייִדישן גוף און נשמה, ווי די חסידות פון בעל־שם־טוב. אַ באַוועגונג וואָס דאָס פאָלק איז געווען זיַין צאַפּל, פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן גאַנצן פאָלק. א באַוועגונג וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם „כל ישראל יש להם חלק בעולם הבא ובעולם הזה". אַזוי אַרום איז דער בעש"ט געווען דער גרויסער מתקן . מתקן זיַין די ייִדישע נשמה.

רבי יוסף קאַראָ און ר' משה איסערלעס האָבן פאַרשריבן די הלכה פון ייִד, רש"י און דער מהרש"א און אַנדערע גרויסע פוסקים האָבן אויסגעטיַיטשט די הלכה, דער בעל־שם־טוב האָט געבראַכט תיקון דורך אַן אַנדער וועג, דעם וועג פון אַגדה. פון מעשה. אַן אַנדער נוסח, אַ נוסח פון ווענדן זיך צו גאָט מיט אַ ניַיעם נאָמען: טאַטע זיסער, האַרציקער, ליבער, טיַיערער פריינד, פרייד מיַינע, מיַין טרייסטער. דער בעל־שם־טוב איז ניט געקומען צו געבן צו פאַרשטיין די ייִדן וואָס איז גן־עדן און וואָס איז גיהינום. ער האָט פּשוט געזאָגט: אין אַ קאַפּיטל תהילים איז דאָ דער גן־עדן. ווי זאָגט גלאַטשטיין אין נאָמען פון בראַצלאַווער: „אין דעם ביסעלע רעדן איז דאָ דער טעם פון גן עדן". בצוותא. צוזאַמען.

דו מענטש, דו ייִד, האָט געזאָגט דער בעל־שם־טוב, ביסט ניט קיין גר, קיין פרעמדער אויף דער וועלט, דו ביסט דער באַלעבאָס אויך אין די עולמות העליונים. דורכן בעל־שם־טוב איז געקומען דער בראַצלאַווער

צום באַריכטן זאָג: בראשית ברא אלוהים. גאָט האָט נאָר באַשאַפן דעם בראשית, דעם אָנהייב, דאָס איבעריקע שאַפט דער מענטש.

דער בעל־שם־טוב האָט ניט גערעדט וועגן משיח און וועגן עולם הבא. קריך ניט אין די ווײַטע עולמות. „דער בעסטער שפּאַציר איז לעם דער אייגענער טיר". זע דעם שכן. בין אדם לחברו איז גרעסער ווי בין אדם למקום. מיט שמחה און חדווה קאָן מען פאַרטרײַבן דעם שטן. אַלע שדים. מיט תפילה־זכה קאָן מען ברענגען דעם שחר.. פאַרוויגן אַ קינד פאַר תפילה זכה ווען עס וויינט, איז קדושה. הייליקייט. אַ נאַיִוער גלויבן אָבער וויפל גרויסקייט איז דאָ אין גלויבן.

דער אינטימסטער ייד אפשר פון אַלע דורות איז געווען דער בעל־שם־טוב. ניט געוואָלט, לויט דער לעגענדע, אַרײַנגיין אַליין אין גן עדן, אויב מ׳וועט מיט אים ניט אַרײַנלאָזן די שניידערס, די שוסטערס, די שמידן, די פשוטע יאָטן.

דאָס פאָלק האָט געשאַפן די לעגענדע, אַז דער שפּאַלער זיידע האָט דרײַ דורות נאָכאַנאַנד זיך אַרומגעבלאָנקט אויף דעם עולם העליון. ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו געבוירן ווערן און אַראָפּנידערן אויף דער זינדי־קער ערד. פּלוצלינג האָט ער דערזען אַ ייד, אַ בן שלושים בערך, אין אַן אַלטער קאַפּאָטע, די לענדן אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, אַ לאַפּעטע פאַרוואָרפן אויפן רוקן, אָט אַזאַ וואָס מ׳גראָבט מיט איר ליים אויף שבת. ווי נאָר דער דאָזיקער האָט געטאָן אַ קום אָן איז געוואָרן אַ רעש אין הימל און מלאכים האָבן אָנגעהויבן פליִען אַהין און אַהער, איז דער ייד צוגעגאַנגען צו מיר, צום שפּאָלער זיידע, און מיר געזאָגט: דאָרט אויף דער ערד גראָבן יידן ליים, ראַנגלען זיך מיט גוייִם, מיטן שטן און דו שפּאַצירסט דאָ אַרום אַ ליידיקגייער. גיי אַראָפּ אין עולם התחתון, אַ טובה טאָן יידן, גיי אַראָפּ צום עולם התחתון מיט אַ לאַפּעטע אויפן אַקסל. העלף קנעטן ליים. דער ייד איז געווען דער בעל־שם־טוב, מיט אַ שטריק אַרומגעגאַרטלט און מיט אַ לאַפּעטע אויפן אַקסל, און איך בין אַראָפּ מיט אים: העלפן יידן.

מיר לעבן, זאָגט דער בעל־שם־טוב, אין חצות, אין מיטל נאַכט, און דער חצות דאַרף אַ תיקון. די שכינה איז אומעטום אין די טיפע טאָלן און אין די העכסטע הייכן, לאָמיר זי מתקן זײַן און ברענגען צוריק צום פאָלק.

און אַ לעגענדע דערציילט אַז דריַי מענטשן זענען אַנטלאָפן פון גן עדן איידער דער חטא איז געקומען אויף דער וועלט: רבי שמעון בר יוחאי, דער אר"י הקדוש און דער בעל־שם־טוב.

לאָמיר ניט פאַרגעסן אַז דער בעש"ט, ווען ער האָט זיך אַנטפּלעקט, איז געווען אַ ליים־פירער. זינגט אברהם לעוו:

## דער בעש"ט פירט ליים

פאָרט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אַהיים
און פירט אַ וועגעלע ליים.

קריכט עס, דאָס פערדל, אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן,
דער בעש"ט גייט נאָך מיט די לייצעס אין האַנט,
ווי צו אַ פאַרכישופט לאַנד.
פלוצלונג ווערט פינצטער, ווערט שוואַרץ און געדיכט,
דאָס פערדל איז מיד און קוים וואָס עס קריכט;
נאָר ער, דער בעל־שם־טוב, זעט ליכט, זעט ליכט.
אַרום און אַרום איז פינצטער און שוואַרץ,
פינצטער און שוואַרץ ווי אַ טרויעריק האַרץ.

נאָר אים, דעם בעש"ט, איז ליכטיק ביז גאָר,
פון די פינגער־שפּיצן ביז צו די וואָרצלען פון די האָר, —
און דאָס ליים שטראַלט מיט ליכט, און דאָס פעלד שטראַלט מיט ליכט,
מיטאַמאָל דערזעט ער דעם נביאס געזיכט...
אחיה השילוני קומט אָן אויפן שליאַך — — —

די נאַכט איז פינצטער, שוואַרץ און געדיכט.
דאָס פערדעלע שלעפּט זיך, דאָס פערדעלע קריכט,
נאָר ער, דער בעל־שם־טוב, געבליבן איז שטיין
אויפן מיטן שליאַך אַליין.
ער גלעט דעם סלופּ, וואָס שטייט אויפן וועג,
עס קלאַפּן די ציין אים פון שרעק:

— נביא, דערפיר מיך! — בעט ער זיך ביים סלופּ, —
פיר מיך אויף ליכטיקע וועגן, ווי דו!
איך זאָל קאָנען פאַרשטיין און באַנעמען זיין ליכט,
איך זאָל קאָנען דערזען זיין געזיכט!...

דער בעש"ט גיט אַ פאַל, אַ צי אויס זיך אויף דר'ערד
און קושט אחיה השילוניס טראָט:
— איך, — שרייט ער באַגייסטערט, — איך שווער,
אומעטום, אומעטום איז ער דאָ! — — —
און ער צעוויינט זיך פון פרייד און פון גרינגן געמיט,
קלינגט אָפּ זיין געוויין אין די בערג, ווי אַ ליד — — —

נאָר ער, דער בעש"ט, ליגט אויפן שליאַך, ווי אַ שטיין
באַהעפט ער זיך מיט גאָט.
דאָס פערדעלע פירט דאָס וועגעלע ליים
אַליין שוין אָפּעט אין שטאָט — — —

דער בעל־שם־טוב האָט דערקענט די ערלעכע וועלט פון די אָרעמע לייט. ער איז אָנגעקומען צו זייער טיפער לויטערקייט, צו זייער צעגריי־זשעטן טאָג פון פּראַצע, פון שטייען אויף פרעמדע שוועלן. ער האָט געזען זייערע וויסטע שווערע ליידן, יידן פאַרווינקלטע וואָס ווילן אויך אַ חלק אין תּפילה, אין תּחנונים. דער בעל־שם־טוב, איז אָנגעקומען צו די פּשוטע אָרעמע הייזער, אַהין איז אויך אָנגעקומען דער יידישער דיכטער, אָנגעש־פּאַרט אויף אַ נייער אידייע. הייב העכער דיין קאָפּ און לויטערער דיין האַרץ, פּשוטער מענטש. חדווה און פרייד וואַרטן אויף דיר. זיי ליגן אויסגעשפּרייט אויף אַלע וועגן. דער פאַרהאַרעוועטער מאַרק איז דיין היים, פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק ווי אַ טרעגער, אָבער דיין ניגון זינגט אַרויס פון פאַריהאָרעוועטן מאַרק, פון דער אָרעמגאַס אויף די אויפגעעפנטע פעלדער הערט מען דעם ניגון פון פּשוטן מענטש. אין דער מאַרגנראָסע — זיין תּפילה. מיטן תּהילימל אין האַנט, וועלכער איז העכער און שענער פון אַלע אַלטע ספרים. אין אומעט שטיבלעך זענען געזעסן יידן און געזוכט דעם בעל־שם־טוב. אָבער ער זיי האָט געפונען. „צי ווייזטו זיך נאָר מיר

אין געשטאַלט פון עלנטקייט? / אַזוי ביסטו געווען אין דײַנע אייגענע פיר ווענט / אַזוי פון אַלע אומעט שטיבלעך זיך אָוועקגעשלעפּט, / און אויף דײַן ריין געמיט, אויף דײַנע בענטשנדיקע הענט / דער גרויער רויער זאַמד פון זייער זאָרג און וואָך" (י. י. סיגאַל)

דער בעל־שם־טוב האָט געפונען דאָס הויז פון די פּשוטע און דער ייִדישער דיכטער האָט געפונען דעם לעגענדאַרן בעל־שם־טוב, אים און ר׳ לייב שרה׳ס, און דעם ל״ווניק. דער געדאַנק, אַז די וועלט האַלט זיך אין זכות פון די ל״ו צדיקים איז שטאַרק פאַרשפּרייט בײַ ייִדן. פריִער — די קבלה, דערנאָך ס׳חסידות האָבן דעם געדאַנק פאַרטיפט, אָנגעוויזן אַז די למד־ווניקעס מײַדן אויס מענטש און שטאָט, געפינען זיך אין וועלדער, אין מדבריות, גייען אַרום קרוע־בלוע, זעען אויס ווי עמי הארצים, אַבי מען זאָל זיי נישט דערקענען. אין יעדן דור איז אָבער פאַראַן אַ צדיק, וואָס פאַרבינדט ס׳פאָלק מיט די ל״ווניקעס. נאָכן בעל־שם־טובס טויט איז דאָס געוואָרן ר׳ לייב שרהס. ער האָט פאַרזאָרגט די למד־וואָווניקעס מיט פּרנסה. דער בעל־שם־טוב, ר׳ לייב שרהס און אַלע למד־וואָווניקעס זענען הייליקע לעגענדעס וואָס חסידות האָט באַשאַפן.

אויב ייִדן האָבן קיינמאָל דעם למד־וואָווניק ניט געזען און אויך ניט ר׳ לייב שרהסן, האָבן זיי געוווסט אַז ס׳איז ערגעץ דאָ אַ ר׳ לייב שרהס, אַ צדיק הדור, וואָס איז אַ גרויסע הילף און ישועה פאַרן ייִד און ווײַל אי״ן די מענטשן וואָס לעבן אין ר׳ לייב שרהס דור. אַזוי ווי ייִדן האָבן קיינמאָל דעם ל״ווניק ניט געזען, האָבן זיי געוווסט אַז ערגעץ־ווו לעבט אַ ל״ווניק, וואָס אין זײַן זכות האַלט זיך די וועלט.

דער בעל־שם־טוב איז דער טאַטע פון אַלע ל״ווניקעס וואָס קומען אָן צו דער דערציילונג, צום ליד, צו דער לעגענדע, צו דער מעשה.

„בײַם אָל און בײַם וואַרשטאַט, בײַם רידל און האַק / און אין חורבות פאַרפעסטיקט פון שימל — / געפינט זיך דער מלאך, וואָס קומט יעדן טאָג / זיי איבערצוציילן פון הימל —". „קוים האָבן זיך איינעם די אויגן פאַרמאַכט / שוין האָט זיך אַ נײַער געפונען / אַזוי ווערט די ריי פון יסורים און וויי / פון איינעם צום צווייטן געשפּונען („יהואש).

פון איינעם צום צווייטן האָט זיך געשפּונען די לעגענדע: בעל־שם־טוב.

פון איין דיכטער צום צווייטן איז זי אָנגעקומען. זיי האָבן פאַר אים

דעם דיכטערישן טיש געגרייט, זיי זענען געוואָרן זײַנע באַגלייטער, זיי האָבן איבערדערציילט די לעגענדעס פון זײַנע מופתים, זיי זענען געווען פאַרקנסט נישט נאָר צו זײַן ערדישן לעבן, נאָר דער עיקר צו זײַן הימלישן־לעגענדאַרן לעבן. מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה האָבן ייִדן דערציילט די לעגענדע: בעל־שם־טוב.

דער בעל־שם־טוב איז געווען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיטן פאָלק. דאָס פאָלק איז געווען זײַן צאַפּל און דערפאַר איז ער געוואָרן טײַער און ציטעריק בײַם פאָלק. אַלץ וואַרט אויף אַ תּיקון. הימל און ערד און אַלץ וואָס לעבט און אָטעמט, און אויך דער ייִד אויף זײַנע נע־ונד־וועגן וואַרט אויף אַ תּיקון. איז ער געוואָרן דער גרויסער בעל מתקן. און דער תּיקון איז געווען אין דעם וואָס ער האָט אָנגעזאָגט דעם פּשוטן ייִד, אַז ער מעג זיך פּיעשטשען פאַרן אבינו שבשמים, אַז ער הערט זײַן שטומע תּפילה. נישטאָ קיין שדים אויף דער וועלט. אַ קאַפּיטל תּהילים דערלאָזט זיי ניט זײַן. ניט קיין גר און פרעמדער, נאָר אַן אייגענער, אַ מונטערער און יעדע טרער ווערט אָנגענומען, און יעדע באַהאַלטענע זאָרג ווערט דערהערט, און יעדער נידערגעשלאָגנקייט קריגט אַן אָפן אויער. איז נאָך וואָס די עצבות. זײַ לוסטיק און פריילעך. טרײַב אַוועק אַלע פאַרדרוסן פון דײַן האַרץ. דער נאָענטער רבונו של עולם, דער האַרציקער — איז דײַן טרייסט.

אַלע פײַנלעכע נשמה־ריסן האָט ער געגעבן אַ תּיקון און דערפאַר זינגט מ. באַסין: „איך בין געגאַנגען מיט די שטילע ברעגן פון דײַן וועג / בײַם זײַט פון צײַטיקן פלאַקס און גאָלדענעם קאָרן / אויף דײַנע פעלדער האָבן קאָסעס אין דער לופט געהעשט, / און פורן שווערע זײַנען אויף דײַן וועג געפאָרן".

איז אויף דעם וואָגן אויך געזעסן זײַן שטענדיקער בעל עגלה: אַלעקסיי.

דערציילט אַ בעל־שם־טוב־לעגענדע: אַמאָל איז דער בעל־שם־טוב געפאָרן מיט זײַנע חסידים און פּלוצלינג האָט ער דערזען: אויף אַ פאַרפרוירנעם טײַך שטעקן אַרײַן גויים אַ ציילעם. דער בעל־שם־טוב האָט געבעטן אַלעקסייען, דעם בעל־עגלה זײַנעם, ער זאָל זיך אָפּשטעלן. דער בעל־שם־טוב איז אַראָפּ פון וואָגן, צוגעגאַנגען צום פאַרפרוירענעם טײַך, און זיך אײַנגעקוקט ווי די גויים טוען זייער אַרבעט פלײַסיק און פאַר־

שטעקן אין פאַרפרוירענעם טײַך דעם צײלעם. ווען ער איז צוריק אַרויף אויפן וואָגן, האָבן אים די חסידים געפרעגט לפשר הדבר: וואָס האָט אים געבראַכט ער זאָל זיך אײַנקוקן ווי גויים פאַררוקן אַ צײלעם אין אַ פאַרפרוירענעם טײַך? האָט זיך דער בעל־שם־טוב פאַרקלערט און זיי געענטפערט: הײַנט האָב איך געלערנט אַ גרויסע מחשבה. הערט זיך אײַן ייִדן: אַלץ וואָס איז פאַרפראָרן און ניט פליסיק קאָן לײַדן טומאה. ווען דער טײַך וואָלט ניט געווען פאַרפראָרן וואָלטן די גויים ניט געקאָנט אַרײַנשטעקן דעם צײלעם. לערנט זיך ייִדן: זײַט מכבד אַלץ וואָס פליסט און איז נישט פאַרפראָרן. „די פשוטע חכמה! איך האָב דײַנע קייטן / מיט בלוט און מיט אָטעם אין ליבשאַפט גענומען; / און זיס איז מײַן ביטערער ברויט פאַר מײַן גומען, / און טרייסט — דאָס געווײנטלעכע וואָרט פון אַ צווייטן". (מאַני לייב „די פשוטע חכמה").

אין לעבן פון בעש"ט זענען דאָ מדרגות. אין דער ערשטער מדרגה האָט ער זיך געפירט ווי אַן אַסקעט, ער פלעגט פאַסטן אין הפסקות, עסן בלויז אַ שטיקל ברויט צווישן איין תענית און אַנדערן, אָבער אין משך פון דער צײַט איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין זײַן וועלט־באַנעם. אַרומגערינגלט מיט די מעכטיקע בערג האָט דער יונגער בעל־שם־טוב אָנגעהויבן דערפילן, אַז אַסקעטיזם האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיטן לעבעדיקן מענטש. דער עיקר איז: די אַנטפּלעקונג פון דעם טיפן סוד פון דער בריאה: „מלא כל הארץ כבודו", און „לית אתר פנוי מיניה" אַלץ אין דער וועלט איז אַ פאַרקערפערטע אַנטפּלעקונג פון גאָט, אַלץ טראָגט אויף זיך דעם חותם און דעם אָפּגלאַנץ פון גאָט, וואָס איז לויטער חסד, מילדקייט און לײַטזעליקייט. ער האָט דערפילט אַז תורה לערנען, סיגופים, אַסקעטיזם זענען ניט די איינציקע וועגן צו גאָטדערקענונג.

אַזוי האָט ער פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אָפּגעזונדערט פון מענטשן, ער האָט דערפילט אַז התבודדות איז ניט דער וועג פון ייִד צו גאָט. נאָר צוותא. ניט יחידות, נאָר מיטן כלל.

לאָמיר אונטערשטרײַכן און זאָגן אַז אין דער תקופה פון התבודדות, ביזן אָנקומען צום כלל האָט ער זיך פאַרנומען מיט כלערליי פּרנסות: אַ מלמד, צווישן די דאָרפס־ייִדן און ישובניקעס, אַ קמיע־שרײַבער, אַן אָפּשפּרעכער, אַ היילער, אַ רופא דורך כל מיני סגולות, דער עיקר פלעגט ער באַווײַזן זײַן גרויסקייט בײַם אַרויסטרײַבן „דיבוקים", אָדער פאַרטרײַבן

פון יידישע הײַזער ניט גוטע און מזיקים. ער האָט געלערנט די סגולות פון כלערליי גראָזן און קרײַטעכצער. עס ווערט דערציילט אַז ער האָט געהאַט אַ היפּנאָטישע ווירקונג־קראַפט אויף היסטערישע און נערוון־קראַנקע מענטשן. אַזוי איז ער נתגלה געוואָרן ווי אַ בעל־מופת, אַ בעל־שם, וואָס קאָן אַרויסטרײַבן דיבוקים, זײַן נאָמען איז געוואַקסן און מען האָט אָנגעהויבן פאָרן צום בעל־מופת פון אַלע עקן אוקראַיִנע, פריִער קיין טלוסט און דערנאָך קיין מעזשיבאָזש, וווהין דער בעש״ט איז אַריבערגעפאָרן בערך אין 1740. הונדערטער בריוו פלעגט ער דערהאַלטן, מ׳האָט געפרעגט עצות און מ׳האָט געבעטן אַלס סגולה קמיעות...

ער קריגט דעם נאָמען ניט ווי אַלע אַנדערע בעל־שמען, נאָר בעל־שם־טוב, ווײַל מ׳האָט אָנגעהויבן קומען צו אים פון אַלע שיכטן, ניט נאָר לשם קמיעות און עצות, נאָר לשם גאָט־דערקענונג, געפינען דעם ריכטיקן וועג צו גאָט.

אַזויווי דער אר״י בשעתו האָט אויך דער בעש״ט זײַן תורה אַליין ניט געשריבן. דובנאָוו שרײַבט אַז דער בעש״ט האָט געהאַט אַ באַזונדער פעיִקייט, האָט געלערנט דורך שמועסן מיט איטלעכן איינציקן, דורך ווערטלעך און מימרות. בעתן שמועסן פלעגט אויף אים רוען דער רוח הקודש און ער פלעגט, אָנקליידן זײַנע געדאַנקען אין אַ לבוש פון משלים, אין פסוקים־אויסטײַטשונגען.

די חסידישע מעשה דערציילט אַז דער בעש״ט האָט ליב געהאַט אַרומצוגיין איבער גאַסן און מאַרקן מיטן שטעקן אין דער האַנט און ליולקע־ציבעק אין מויל און פאַר פשוטע דאָרף־יידן און ווײַבער דערציילן מעשיות און משלים. דעם בעש״טס מעשיות און משלים זענען אויפגעהיט געוואָרן אין זכרון פון זײַנע תלמידים און שוין ביי זײַן לעבן האָבן אייניקע געפרווט פאַרשרײַבן זײַן תורה.

צענדליקער יאָרן נאָך זײַן נסתלק ווערן זענען דערשינען זאַמלונגען, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אפשר אַ ריכטיקן תוכן, אָבער ווײַט פון זײַן אָריגינעלן לשון.

אויב מיר ווילן קורץ אַרויסברענגען דעם בעש״טס פילאָזאָפיע וועלן מיר זאָגן: גאָט און קאָסמאָס איז איין איינהייט. תורה און תפילה צווישן מענטש און גאָט פאַרמאָגט ניט קיין מחיצה. אין אַלץ אַרום איז פאַרהוילן גאָטהייט. ס׳איז באַוווסט דער משל פון בעש״ט: ס׳איז אַ מאָל געווען אַ

מלך, אַ גרויסער חכם, האָט ער אויפגעשטעלט גרויסע מויערן, טורעמס און טויערן, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז ווער עס וויל קאָן צו אים קומען דורך די דאָזיקע טויערן. ער האָט אָבער דערביַי באַפוילן עס זאָל ביַי יעדן טויער אַרויסגעשטעלט ווערן אוצרות פון זיַין שאַצקאַמער. איז קיינער ביז צום מלך ניט דערגאַנגען, וואָרן יעדער איינער, ווי נאָר ער האָט ביַי די טויערן די אוצרות דערזען, האָט ער מיט זיי גליַיך זיַינע טאַשן אָנגעפּילט און גליַיך געלאָזט זיך אַ היים. איז אָבער געקומען דער בן־מלך. ער האָט אַלע זיַינע כּוחות אָנגעשטרענגט, בכדי ער זאָל זיך דווקא צום געליבטן פאָטער דערלאַנגען, און דאָ האָט ער דערזען אַז עס איז גאָר קיין שום מחיצה ניט פאַראַנען, וואָס זאָל אים פון זיַין פאָטער אָפּטיילן, וואָרן אַלץ איז ניט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש. כּבודו מלא עולם. גאָטס גלאַנץ און פּראַכט, ליַיטזעליקייט און ליבשאַפט איז אויסגעשפּרייט אויף אַלץ.

„אַלץ אין דער וועלט איז לויטער גוטס" — און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָך כמיעלניצקין. נאָך שבתי צבי. דאָ טרעפן מיר דעם אָפּטי־מיסט. אויב מיר זוכן השפּעות, דאַרפן מיר עס זוכן ביַי יהודה החסיד, ביַים אר"י, דער מאַן מיטן אָפענעם אויער, וואָס האָט אין יעדן קלאַנג און באַוועגונג אין דעם ציטער פון דער כוואַליע, אין דעם צאַפּל פון אַ בלאַט, אַפילו אין די שטומע שטיינער פאַרנומען דעם מעכטיקן אָטעם פון לעבעדיקע נשמות וואָס בעטן תיקון, מען זאָל זיי באַפריַיען פון זייער ענגשאַפט. דער בעש"ט האָט געלערנט אין די פוס טריט פון אר"י: אין יעדער זאַך זענען פאַראַן גאַנצע וועלטן געטלעכע נשמות. גאָט איז אין אַלץ וואָס עקזיסטירט. אין יעדער זאַך געפינען זיך געטלעכע ניצוצות, געטלעכע פונקען, אָן די געטלעכע פונקען קאָן קיין שום זאַך ניט עקזיסטירן, און דערפאַר דאַרף דער מענטש זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס ליבע צו יעדער זאַך, וואָס ער באַרירט און באַנוצט.

די קבלה איז מער באַשעפטיקט מיט די עולמות העליונים, איז געקומען דער בעש"ט און האָט גערעדט אין זכות פון די עולמות התחתונים. דער אר"י רעדט מער וועגן גאָט. דער בעש"ט — וועגן מענטש. דער אר"י מער אַבסטראַקט. דער בעש"ט — קאָנקרעטער. און דערפאַר זעען אַ סך היסטאָריקער דעם חסידיזם ווי אַ צווייטע אויפלאַגע פון קבלה. מער לעבנס־סיסטעם ווי אַבסטראַקציע, אַ לעבנס־סיסטעם מיט אַ דעמאָק־

ראַטישן גײַסט. דער בעש״ט אָפּרירט מער מיט האַרץ־באַגריפן ווי מיט מוח־באַגריפן. אין בעש״טס וואָרט איז ניטאָ די מרה שחורה, דער קנייטש פון אַסקעטישן מקובל, נאָר אָפֿענע גוטע אויגן פון אַ לעבעדיק האַרץ, אַ האַרץ וואָס זוכט טרייסט און האָפֿענונג פאַר יעדן און פאַר אַלץ כּדי צו לינדערן און גרינגער מאַכן דאָס לעבן.

די לעגענדעס וועלכע זענען געשאַפֿן געוואָרן אַרום דעם בעל־שם־טובֿס געשטאַלט זאָגן עדות, ווי באַליבט ער איז געווען צווישן די ייִדישע מאַסן. די תּורה, אַז יעדער פּאַסטעך האָט זיך זײַן תּפֿילה און זי איז טײַער דעם רבונו של עולם, דערציילט אַ לעגענדע:

געווען אַמאָל אַ פּאַסטעך וואָס האָט אַפֿילו ניט געקענט דאַווענען. פֿלעגט ער יעדן טאָג זאָגן: „רבונו של עולם! דו ווייסט דאָך ווויל, אַז ווען דו וואָלסט געהאַט בהמות און דו וואָלסט זיי מיר געגעבן צו היטן, וואָלט איך עס געטאָן מיט גרויס שמחה. בײַ אַלעמען נעם איך געצאָלט און פאַר דיר וואָלט איך געהיט אומזיסט, ווײַל איך האָב דיך ליב״. און ער איז געווען אַ ייִד. איינמאָל איז פאַרבײַ געפאָרן אַ תּלמיד חכם, האָט ער באַגעגנט דעם פּאַסטעך ווי ער שטייט און טוט מתפּלל זײַן פאַר גאָט: האָט דער תּלמיד חכם זיך אָפּגערופֿן: „שוטה! אַזוי טאָר מען ניט דאַווענען״ און ער האָט דעם פּאַסטעך אויסגעלערנט די דינים פון ברכות, קריאת שמע און תּפֿילה. אָבער ווען דער תּלמיד חכם איז אַוועקגעפאָרן, האָט דער פּאַסטעך פאַרגעסן אַלץ וואָס ער האָט געלערנט. האָט ער אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו דאַווענען, ווײַל ער האָט אויך זײַן פֿריערדיקע תּפֿילה מער ניט געזאָגט.

און ווען די תּפֿילה פון דעם פּאַסטעך האָט פאַרפֿעלט צו קומען פאַרן כּסא הכּבֿוד, איז געוואָרן אַ רעש אין הימל. איז מען געקומען דעם תּלמיד חכם צו חלום און מען האָט צו אים געזאָגט: „גיי צום פּאַסטעך און זאָג אים ער זאָל ווידער אָנהייבן דאַווענען, ווי ער איז עס געוווינט געווען צו טאָן פריער, איידער דו האָסט אים באַגעגנט. און אויב דו וועסט עס ניט טאָן, זײַ וויסן אַז דײַן שטראָף וועט זײַן אַ האַרבע, ווײַל דו האָסט אַוועקגענומענעם איינעם פון די מתפּללים פון עולם הבא״.

האָט דער תּלמיד חכם זיך געפֿעדערט און אַוועק צום פּאַסטעך און האָט אים געפרעגט: „ווי דאַוונסטו?״ ענטפֿערט אים דער פּאַסטעך: „איך דאַוון ניט מער. די תּפֿילות וואָס דו האָסט מיט מיר געלערנט האָב איך

פאַרגעסן, און דו האָסט מיר אויך איינגעזאָגט, איך זאָל מער ניט זאָגן: „ווען דו וואָלסט געהאַט בהמות און דו וואָלסט מיר זיי געגעבן צום היטן, וואָלט איך עס געטאָן מיט גרויס שמחה". האָט דער תלמיד חכם געזאָגט צום פאַסטעך: „אַזוי און אַזוי האָט מען מיר געגעבן צו וויסן אין חלום: דו זאָלסט ווייטער זאָגן דיין תפילה ווי דו ביסט געווינט געווען עס צו טאָן". און דער פאַסטעך האָט ניט פאַרמאָגט ניט קיין תורה און ניט קיין מעשים, נאָר זיין כוונה איז געווען גוט און דאָס איז אים פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסער מצווה. וואָרום גאָט ברוך הוא זעט דאָס האַרץ. רחמנא לבא בעי.

דערציילט אַ צווייטע לעגענדע:

איינמאָל האָט דער בעל־שם־טוב פאַר דעם עמוד געדאַוונט און אין מיטן דאַוונען האָט ער פלוצלינג מפסיק געווען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער גאַס, וואָס האָט זיך ניט ווייט פון שול געפונען, און האָט דאָרטן געטראָפן אַ גוי, וואָס האָט געהאַט האָלץ צו פאַרקויפן. האָט דער בעל־שם־טוב ביי אים אַ פור האָלץ געקויפט און דער גוי האָט אים נאָכגעפירט דאָס האָלץ אין בית־מדרש אַריין. דער בעל־שם האָט געהייסן אים באַצאָלן פאַרן האָלץ און אויך דערפאַר וואָס ער האָט עס צום בית־מדרש געבראַכט. דערצו נאָך האָט ער געהייסן אים אויך אַ גוטן טרונק בראָנפן געבן. דער גוי איז איבערראַשט געווען פון אַזאַ פיינער באַהאַנדלונג און האָט זיך אָנגערופן: — געבענטשט זאָל דער יידישער גאָט זיין, וואָס ער פאַרמאָגט אַזאַ הייליק פאָלק. ווען עס זאָל ביי מיר די פור האָלץ איינער פון אונדזערע געווען קויפן וואָלט איך פאַר איר ניט געווען געקריגן אַזוי פיל.

נאָכדעם האָט דער בעל־שם־טוב דעם גאַנצן ענין אַזוי דערקלערט: בשעתן דאַוונען האָט ער פון אויבן אַ קטרוג אויף אחינו בני ישראל דערזען, אויף די וואָס וווינען אין די דערפער, דערפאַר, וואָס טייל פון זיי נאַרן אָפּ די פויערן אין די חשבונות וואָס זיי האָבן מיט זיי. האָט ער געדאַרפט פאַרשטאָפן דאָס מויל פון מקטרג דערמיט וואָס ער האָט געבראַכט דעם ערל זיין ליבן נאָמען צו בענטשן און דאָס פאָלק ישראל צו לויבן...

דער הויפּטהעלד פון דער חסידישער ליטעראַטור איז תמיד אין די פוסטריט פונעם בעש"ט: אַ העלד פריי פון שרעקן. פון זאָרגן. פון עצבות און מרה שחורה. פון חרטות. בישטאָ קיין קרעכצן און זיפצן. ער וויינט ניט און קלאָגט ניט, ער שטראָפט ניט און מוסרט ניט. ער האָט ניט קיין

טענות צו קיינעם. זײַן גאָט־דערקענטשאַפט איז פּשוט און קלאָר. אַ פּשוטער פּאַנטעיִזם. אַ פאַרשטענדלעכער. אַ מענטשלעכער. ער האָט ניט קיין טענות אַפילו צום רבונו של עולם, ווי לוי יצחק פון בערדיטשעוו. אויב מ׳רעדט וועגן גדלות — געפינט עס בײַם פּשוטן מענטש. דערציילט די חסידישע ליטעראַטור וועגן אַ בעל־עגלה אַזוי: „מיט יוחנן בעל־עגלה זענען חסידים געפאָרן צום רבין. ער איז געווען אַ ייִד אַ גברן. געקאָנט אַרויסשלעפּן זײַן וואָגן פון דער גרעסטער בלאָטע. די חסידים האָבן ליב געהאַט צו פאָרן מיט אים. זיי זענען געווען זיכער מיט אים אויף די וועגן. ער איז געווען אַ פריילעכער ייִד. דאָס האַרץ איז שטענדיק אויסגעגאַנגען פאַר אַ ביסל שמחה. ווו נאָר אַ שמחה אין שטעטל, אַ חתונה צי אַ ברית, איז יוחנן בעל־עגלה געווען אַ מחותן. אַרויס פון די כּלים נאָך אַ דרײַ, פיר כּוסות, האָט ער פאַרקאַטשעט די פּאָלעס פון זײַן שווערער טוכענער קאַפּאָטע און געלאָזט זיך אין אַ טאַנץ, אַז פונקען זענען געפלויגן. די חסידים האָבן מכּיר טובה געווען יוחנן און שטענדיק געפאָרן נאָר מיט אים קיין לובלין צום רבין. איר וועט נאָך זען, האָט ער זיך אַמאָל צערעדט אויף דער פור מיט זײַנע חסידים, איר וועט מיר נאָך אַמאָל רופן ניט יוחנן בעל־עגלה, נאָר יוחנן חסיד. די פאַרשוינען אין דער בויד האָבן זיך פריילעך געמאַכט, אַראָפּ פון וואָגן אָפּגעדאַוונט מינחה מיט גרויס שמחה און ווײַטער געפאָרן. די חסידים האָט ער געהערט דערציילן מעשׂיות פון זייער רבין, פון הייליקן בעל־שם־טוב, פון גרויסן מגיד, פון רבי אלימלך פון ליזשאַנסק, פון רב זוסיהן, יוחנן לייגט צו אַן אויער, כאַפּט אויף אַ וואָרט און פילט אַז עפּעס ברויזט אין אים.

ווען די בויד האָט זיך דערנענטערט צו לובלין, האָט יוחנן פּלוצלינג אָפּגעשטעלט די בויד און געווענדעט זיך צו זײַנע חסידים — פּאַסאַזשירן: איך בעט אײַך ווען איר וועט זײַן בײַם רבין, טוט מיר אַ טובה און נעמט מיט אַ קוויטל, מײַנס אַ קוויטל צום רבין. עס גייען ימים נוראים, הייליקע טעג, באַלד הייבט מען אָן בלאָזן שופר, זאָל ער אויך מיך געדענקען. איינער אַ חסיד האָט אים געענטפערט: בײַ אונדזער רבין ביסטו גלײַך מיט אַלעמען. דו דאַרפסט קיינעם ניט. דו קאָנסט אַליין קומען צום רבין און דערלאַנגען דײַן קוויטל. יוחנן האָט דאָך געבעטן: און אַ יונגער חסיד האָט אים געזאָגט: גיב דײַן קוויטל, איך וועל עס מיטנעמען און דערלאַנ־

געגן דעם רבין. מיט זײַן שווערער האַנט האָט ער עפּעס אויפגעשריבן, די חסידים האָבן באַצאָלט, די חסידים זענען אַוועק צום רבין, יוחנן האָט אַוועקגעשטעלט די פערד אין אַרײַנפאָר־הויז און געלאָזט זיך אין שטאָט.

צווישן עולם בײַם רבין שטופּן זיך אויך יוחנס פּאַסאַזשירן, און צוזאַמען מיט זיי דער יונגערמאַן וואָס האַלט אין האַנט יוחנס קוויטל.

ווי נאָר דער חוזה בעמט דאָס קוויטל פון דעם בעל־עגלה אין האַנט, באַווײַזט זיך אַ לײַכטער שמייכל אויף זײַן הייליקער צורה און ער רופט אויס: דער דאָזיקער נאָמען לײַכט מיר אין די אויגן... בליץ שנעל פאַר־שפּרייט זיך דער דאָזיקער ענטפער צווישן דעם היימישן עולם. איינער קוקט אָן דעם אַנדערן און מען קאָן גאָרניט פאַרשטיין וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט מיט זייער בעל־עגלה וואָס ער לײַכט אַזוי אין די אויגן פון רבי, נישט אַנדערש ער איז אַ באַהאַלטענער צדיק. חסידים זענען אַרויס אויס־געפינען דעם בעל־עגלה. אין איינער פון די זײַטן־געסלעך האָבן זיי אים געפונען. עפּעס אַ שמחה דאָרט אין אַ הײַזקע. דער עולם איז פריילעך און יוחנן איז צווישן זיי. ער איז אינגאַנצן אַ צעפּלאָמטער, אַ זינגענדיקער און אַ טאַנצנדיקער. קוים וואָס ער האָט באַמערקט זײַנע היימישע פּאַסאַזשירן.

וואָס איז מיט דיר דער מער, ר׳ יוחנן ווי׳ קומסטו טאַנצן אויף אַ פרעמדער שמחה? — איך האָב צו דער שמחה אַ שטיקל שייכות, האָט יוחנן געענטפערט. ווען איר זענט אַוועק צום רבין איז מיר געוואָרן אומעטיק אויף דער נשמה, בין איך אַוועק זוכן אַ ביסל שמחה. האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ חתונה פון אַ יתום מיט אַ יתומה. אָבער איידער מען גייט צו דער חופּה, מאַכט זיך אַ טומל. דער חתן וויל נישט גיין צו דער חופּה, באַשר בכן, מען האָט אים צוגעזאָגט אַ טלית און מען גיט נישט, ניט געבליבן קיין געלט אויף צו קויפן אַ טלית. האָט יוחנן לאַנג נישט געטראַכט אַרײַנגעלייגט די האַנט אין בוזעם־קעשענע און אַרויסגענומען דאָס געלט וואָס איך האָב פון אײַך באַקומען פאַר דער נסיעה און אַוועקגעלייגט אויפן טיש: אָט האָסטו, חתן, געלט אויף אַ נײַעם טערקישן טלית, און איר, כלי־זמרים, אויפגעשפּילט זאָל ווערן! וואָס דען, לאָזן פאַרשעמען אַ כלה, אַ יתומה?

ערשט איצט האָבן די חסידים פאַרשטאַנען, פאַרוואָס יוחנס נאָמען האָט געלויכטן אין די אויגן פון רבין...

צו דעם בעל־עגלה איז געקומען דער בעל־שם־טוב צווישן קאַסעוו און קיטעוו. צום בעל־עגלה און צו די ישובניקעס איז געקומען די יידישע ליטעראַטור אין די פוס־טריט פון גרויסן בעל־שם־טוב; די מקובלים האָבן געצויגן די ערד צום הימל, דער בעל־שם־טוב האָט געצויגן דעם הימל צו דער ערד. און אויב דו ווילסט איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן הימל און ערד. נייע אויגן שאַפן אַ נייע וועלט, אַ נייע ערד און אַ נייעם הימל.

די יידישע ליטעראַטור האָט אים דערטאַפּט, דעם אויסגעקניפּטן און אויסגעבונדענעם מיטן פאָלק מיטן פאָלקס־מענטש, מיט זיין צאַפּל. און דערפאַר האָט מען געזונגען צו דעם גרויסן מתקן.

דעם בעל־שם־טובס געשטאַלט איז אַ היסטאָרישע און אַ לעגענדאַרע. אַ סך פון די היסטאָריקער שטרייכן אונטער, אַז די לעגענדע האָט אַלץ געטאָן כדי עס זאָל פאַרבלייבן די היסטאָרישע געשטאַלט. דאָס געשטאַלט פון אליהו הנביא, פון ל״ו, פון בעש״ט ווערן שטאַרק באַהאַנדלט אין ליד און דערציילונג, ווי אויך אין עסיי אין דער יידישער ליטעראַטור. די וווּנדער־מעשיות באַקרוינען דעם קאָפּ פון איר געליבטן העלד.

גרשום שלום אין זיין עסיי וועגן בעש״ט פאָדערט גרענעצן: צווישן היסטאָרישן בעש״ט און לעגענדאַרן. די פאַנטאַזיע פון פאָלק איז אין דעם פאַל געוואַלדיק שעפעריש.

דאָס וואָס מיר דאַרפן וויסן צום אַלעם ערשטן איז, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ שעפערישן גייסט, וואָס האָט משפיע געווען אויף זיין דור און אויף דורות. אין 1815, ד״ה 55 יאָר נאָך דעם בעש״טס טויט, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס בוך „שבחי בעש״ט", להבדיל אלף אלפי הבדלות, — דאָס ערשטע וואַנגעליע־בוך איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צוויי דורות אַרום נאָך יעזוס קריסטוסעס טויט. אין משך פון צענדליקער יאָרן זענען פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן פּאָדאָליער ייד ר' ישראל בעל־שם־טוב הונדערטער און אפשר טויזנטער לעגענדעס. יעדע מעשה וואָס וואַנדערט צווישן די מאמינים קריגט שטענדיק אַ ניי פּנים, זי ווערט צוגעפּוצט מיט גוזמאות. דערנאָך קומען די זאַמלער מיט פאַרשיידענע נוסחאות. דערנאָך וועגן זיי — „הייליקע כתבים" („כתבי קודש" פאַר די מאמינים). די לעגענדע שבע״פ איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ „תורה שבכתב", וואָס ווערט אַ ספר בראשית פון דער באַוועגונג.

ביי אַלע העלדן זענען דאָ אַן אַבסאָלוטער אמת פון דערווירקלעכקייט

און אַ רעלאַטיווער אמת פון דער לעגענדע, וואָס איז אָנגענומען נאָר אין קרייַז פון די מאמינים. מען מוז זייַן געהיט נישט אויפצומישןביידע זאַכן. די שייַנע ליטעראַטור כאַפּט אונטער מער דעם לעגענדאַרן העלד, ווייַל די לעגענדע גיט מער שטאָף דעם שרייַבער און דיכטער ווי דער היסטאָרישער שטאָף.

די לעגענדע האָט פאַרשריבן אַז דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט אָקאָפּ. נישט ווייַט פון קאַמיעניץ פּאָדאָלסק, אויפן גרענעץ פון פּוילן און טערקיי, ווי דאָס איז געווען אין 18טן י״ה. נישטאָ קיין מעטריקע וועגן דעם, און גרשום שלום קאָן עס ניט באַשטעטיקן, ווייַל ס'איז נישטאָ קיין סימן אַז אָקאָפּ איז געווען די געבורט-שטאָט פון בעש״ט. אַפילו דאָס יאָר פון געבורט איז אין מחלוקת. פאַראַן אַזעלכע וועלכע שרייַבן: 1698, און אַזעלכע וועלכע שרייַבן 1700. אַפילו דובנאָוו גיט צו: די פראַגע וועגן אָרט און צייַט פון דעם בעש״טס געבוירן איז נישט פאַרענטפערט געננוי. גרעץ שרייַבט: 1698. אין די קאַרפּאַטן-בערג זענען דאָ צוויי שטעט: קיטעוו און קאָסעוו, דאָרט האָט ער געפּראַוועט התבודדות. די צוויי בעמען זענען וויכטיק ווייַל אַ סך לידער אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועגן בעש״ט רעדן וועגן די צוויי שטעט.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט געפּיל, עמאַציע די אויבערהאַנט: די עמאַציע פון שרה בת טובים, פון צאינה וראינה, פון גליקל פון האַמעלין, פון בעל-שם-טובס תורה, פון חסידישן ניגון און פון דער גאַנצער ייִדישער ליריק.

## דער בעל-שם אין די בערג

און איך, מייַן חנהלע, זאָג דיר:
— די כאַטע איז די שענסטע היים
גינגאָלד פירסטו קיין קוטעוו,
נישט אַ וועגעלע מיט פשוטן ליים...

און איך, מייַן חנהלע, זאָג דיר:
דאָס געלע קוקורוזע-מעל

איז טײַערסטער מן פון הימל,
נישטאָ אין אים קיין פעל...

און איך, מײַן חנהלע, זאָג דיר:
נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט
אַ טייל פון מײַן נחת פאַר געלט...
אַזאַ עושר, וואָס קאָן קויפן

נישט פלאָגן זיך בין איך געקומען,
נישט פאַסטן פון וואָך צו וואָך —
איך בין פון גאָטס פּראַכט אַנטלאָפן,
פון טעמפּן טאָג־טעגלעכן יאָך —

איך מוז דאָ צײַטיקן, ווײַב מיינס,
גרונטפעסטיקן מײַן פרייד,
כּדי זי זאָל קענען טראָגן
די ברידער ווײַט און ברייט.

העי, שמעטערן וועט מײַן בשׂורה!
כוועל פרעסן אין הערצער און הענט
דאָס גרויסע, דאָס גליקלעכע פײַער,
וואָס אין מײַן בוזעם ברענט...

די צײַט איז נישט ווײַט. אָ, ווײַב מײַנס!
דו וועסט מיך באַגלייטן אין טאָל —
דעם אַרענדאַר, דעם בעלפער, דעם קאַניאַך
פון דעם פאָלק ישׂראל...

(ב. האָראָוויץ)

עס זענען דאָ העלדן אין דער יידישער היסטאָריע וואָס זענען גרויס ניט אין זכות פון זייער חכמה, פון זייער קענטשאַפט, נאָר אין זכות פון זייער אַנדערשקייט, אַ יחיד במינו, אַ מענטש וואָס ער גופא איז אַ נס, אַ נײַער שניט מענטש, אַ נײַער שטייגער ייד.

אַזאַ מענטש ווערט אָפּגעוויגן מיט אַנדערע מאָסן, ווײַל ער ווערט

אַ לעגענדע, מ׳וועגט אים אָפּ נישט על דרך הרגש, נישט על דרך הגאוניש־קייט. דער פּשוטער מענטש האָט דערזען דעם בעל־שם־טוב און ער האָט אים ליב געקריגן. מיר האָבן דערזען אַן אויסגעשטרעקטע האַנט צו העלפֿן. אַז מ׳קאָן זיך ראַטעווען אין דער שווערסטער מינוט. אַ צדיק וואָס באַקעמפֿט דעם שטן. אַ מענטש וואָס דאגה׳ט פֿאַרן יחיד; אַ בן בית אומעטום; אַ היימישער ייִד אויף אַלע ירידן.

דער בעל־שם־טוב גייט אַרום ווי אַ פּרינץ אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור. אַ דאַנק דעם בעל־שם־טוב זינגט מאַני לייב זײַן ליד: „אין הײַזער אַרעמע”: „אין הייזער אַרעמע איז דאָ אַזויפֿיל שיינקייט / די הונגעריקע ליפּן איידלט דער בטחון / די האַנט וואָס איז געשלאָגן אין איר קוואַלער קליינקייט / האַלט אַלע טירן אָפֿן פֿאַר דעם אַרעמערן שכן / און בײַ דעם קאַלטן פֿײַער פֿון די דאַרע קוילן / אַרום די טישן קעפּ געלענט אויף עלנבויגן / די אויערן געשפּיצטע, און אַלטע בערד דערציילן / די רייד פֿון צער און חכמה פֿון נסים ניט געשטויגן / און איבער אַלע קעפּ — דער שטילער, דער באַפֿרײַער / ער נידערט פֿון די רייד און זיצט מיט זיי אינמיטן, / די דאַרע קוילן פֿלאַקערן מיט נײַעם פֿײַער / און רויטלען אַלע קעפּ און בערד פֿון פֿײַער אויסגעשניטן”.

און ענלעך זאָגט אונדז מ. באַסין:

וער ס׳האָט ווייניק ברויט און ווער ס׳האָט מער —
ס׳וועט גאָטס גוטסקייט אויסגלײַכן דאָס קרומע.
אַז אַ מענטש קומט אויף דער וועלט אַהער,
איז ער גוטסטאָן דאָ אַהער געקומען.

תּמיד נאָכזאָגן און נאָכזינגען גאָטס ערשטע וואָרט:
זאָל זײַן ליכטיק, ליכט אויף אַלע זײַנע וועגן.
וואָס איז ליכטיקייט? אַ ביימל דאָ, אַ גרעזל דאָרט,
און זינגענדיקע זיסע וואַסערן פֿון רעגן.

אין די פֿוסטריט פֿון בעל־שם־טוב, האָט פּרץ געשריבן זײַנע וווּנדערלעכע חסידישע דערציילונגען און נישט געערכט איז מנחם באָריישא,

ווען ער וואַרפט פאַר פּרצן, אַז י. ל. פּרץ האָט געגעבן אין זײַנע חסידישע מעשיות דעם אויפשפיל פון אמונה און ניט אמונה. און אַזוי שרײַבט מנחם באָריישא „אין חשבון אויפן אַש" (י. ל. פּרץ): ...פון אונטערן באַרג / מיט אײַנגעקניפּטע מײַסטערשאַפטן רײַסט זיך / פון אײַך דער זיו השכינה — און איר ווייסט: / דאָס האָט דער גלי זײַנער אין אײַך געבויט אַ היכל / פאַר תמימותדיקע, שלמותדיקע ייִדעס / נאָר איר אַליין וועט קיין מאָל ניט דערגרייכן / די שוועלן זײַנע, ווײַל דער גאַנג אַהין / פירט דורך אמונה בלויז, אמונה ממש / און ניט דורך אויפשפיל פון אמונה"...

י. ל. פּרץ האָט גוט געקענט דעם טאַטן פון די תמימותדיקע, שלמותדיקע ייִדעס — דעם בעל־שם־טוב, און זײַן וואָרט איז ניט געווען קיין אויפשפיל פון אמונה, נאָר אמונה ממש פון דעם נײַעם בעל־שם־טוב־ניגון אויף דער ייִדישער גאַס. ניט דעם רעליגיעזן חסידות האָט פּרץ געזען, נאָר דעם עטישן ייִדישן לעבנסשטייגער, וואָס איז דער אמתער ניגון פון בעל־שם־טוב. נישט מיסטיק, נישט נסתר, נאָר מענטש — און פאָלק־ליבשאַפט, דבקות אין עבודת האָדם הפשוט, דבקות ניט אין מעטאַפיזיק, אין איבערנאַטירלעכקייט, נאָר דבקות אין דעם בעל־שם־טובדיקן „אויב ניט נאָך העכער". לעם דעם ביאַלער רבין, אין זײַן ויכוח מיט דעם מתנגדישן בריסקער רב, איז געשטאַנען דער בעל־שם־טוב, וועלכער האָט שטענדיק אונטערגעזאָגט דעם ביאַלער רבין: די טענה אין מײַן נאָמען: „תורת חיים. תורה דאַרף לעבן". תורה דאַרף האָבן דעם פּשוטן מענטש, דעם פּשוטן ייִד: „דאָ זיצט מען ניט, נאָר מען גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער".

דער בעל־שם־טוב האָט פאַרפלאַנצט אין אַלע פּרצס העלדן: „אַ בענקשאַפט נאָך ייִדן, נאָך כלל ישראל". אין נאָמען פון בעל־שם־טוב האָט דער ביאַלער רבי אויסגעשריגן צום מתנגדישן רב: „רבי, די ווענט זענען אײַזן, ניט קרישטאָל, פּשוט אײַז. רבי פירט מיך אַרויס פון דאַנען! איך וויל ניט זײַן אַליין מיט אײַך! איך וויל זײַן צוזאַמען מיט כל ישראל".

דעם געמיראָוועס גוטסקייט און דעם ביאַלערס מענטשלעכקייט לעבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַדאַנק דעם ייִד פון די קאַרפּאַטן־בערג: בעל־שם־טוב.

## דער בעל־שם־טוב רעדט יידיש אויף יענער וועלט

אין מתיבתא דרקיע, זיצט דער בעש״ט און לערנט תּורה,
פונקען פליען פון זײַן מויל, אַ חידוש נאָך אַ חידוש,
נאָר הײַנט דער גרעסטער חידוש אין די רזי תּורה, —
דער בעש״ט רעדט פּראָסט און פּשוט ייִדיש.

זיצן די מלאכים און זיי הערן, די היכלות פול מיט ליכטער,
הערן ווי די שפּראַך פון ייִדן נעמט אײַן די זיבן הימלען,
ממש ווי דאָס לשון קודש פון חמישה חומשי תּורה
הערן די מלאכים, די זעלבע אַלפן און ביתן, גימלען.

דער בעל־שם־טוב רעדט אויף ייִדיש, אונדזער טביה
זיצט דערנעבן,
מנחם מענדל לעם בעל־שם־טוב — ס'ווערט אים ליכטיק,
ס'ווערט אים וואַרעם.
אַ ייִד רעדט ייִדיש אויף די הימלען און מלאכים
שמייכלען אונטער,
שטילע ווערטער, ווי אַ תּפילה, אָן אַ טומל, אָן אַ ליאַרעם.

שלום עליכם קוקט אַריבער, אָט איז מענדעלע און פּרץ,
און יהואש פאַרריכט אַ פּסוק, לויב זײַן וואָרט און לויב זײַן נאָמען.
קומען אָן מלאכי שרת, זינגען זיי אַ חסידיש ניגון
און אַ ייִד פון נאַלעווקע, ענטפערט אויך אויף ייִדיש: אָמן.

דער זעלבער אָמן פון העברייער, דער זעלבער אָמן פון מיין ייִדיש,
אין דעם מויל פון בעל־שם־טוב האָט דעם זעלבן ליכט און פּנים.
דאָרט אויף הימלען ווייס מען זיכער אַז דאָס לשון
פון דעם בעש״ט
האָט געירשנט פון דעם חומש אַלע תּגים און סימנים.

(י. ח. בילעצקי)

## ביז איצט דערשינענע ביכער פון י. ח. בילעצקי

אומרו — לידער
שוועלן — לידער
ייִדישע ווערטער — לידער
וויי און גלויבן — לידער
שירי העצב והאור — תרגום א. גרינשפאַן
לידער צום מענטש
71 לידער
מײַנע ווײַסע טויבן — לידער
אַ מזמור דעם טאָג, — מזמור ליום (תרגם מ. אמיתי)
בשבילי ספרות ייִדיש — שני כרכים
השיר והמשורר (א. סוצקבר)
פרקי איציק מאַנגר
שורות זעכצן — לידער
שורות צוואַנציק — לידער
עיירה יהודית
40 באַלאַנען — לידער
אחר — פּאָעמע
בײַ די קוואַלן פון קאָצק — פּאָעמע
אריאל אין דער אַלטער היים — פּאָעמע
אלוהים, יהודי, שטן ביצירת בשביס־זינגר
ח. נ. ביאַליק ווייִדיש
מסות מתורגמות לאנגלית
הדרמטורגיה החזיונית של ה. לייוויק
אני, אתה וחלם
אכזר מכל המיפגש
פרוזדור וטרקלין בבית ייִדיש
א. ליסין
מיפגשים מהסוג הספרותי
דרײַ לעגענדאַרע געשטאַלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור

**גרייט צום דרוק:**

ליריקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור